STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04645

DOS YIDISHE SHPRIKHVORT

Abraham Keren

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Ita & Joshua Aber
in honor of
their grandchildren and the generations that follow

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם קרן

דאָס ייִדישע שפּריכוואָרט :
אַ שפּיגל פון לעבן און שטייגער

געווידמעט דעם אָנדענק

פון מײַן פרוי בלומע (פון דער היים פעניג)
און מײַן זון אלחנן, הי״ד.

פון מײַן מוטער פּאַיע (פון דער היים שנעל)
און מײַן טאַטע אלחנן, הי״ד.

פון מײַן ברודער ברוך
און זײַן פרוי נחמה (פון דער היים לעמבערגער), ז״ל.

פון מײַן ברודער משה
און זײַן פרוי קרעסל (פון דער היים פײַט)
און זייער טאָכטער צעשע, הי״ד.

פון מײַן שוועסטער מאַלע (עמליה)
און איר מאַן משה מערזעל
און זייער זון שלמה, הי״ד.

פון מײַן ברודער מאיר
און זײַן פרוי חיה (פון דער היים העניג)
און זייערע טעכטער חוה און פריווע, הי״ד.

פון מײַן ברודער יעקב
און זײַן פרוי ברכה (פון דער היים בערגער)
און זייער זון שלמה, הי״ד.

פון מײַן ברודער לייביש, הי״ד.

אברהם קרן

דאָס יידישע שפּריכוואָרט:
אַ שפּיגל פון לעבן און שטייגער

לויט דער זאַמלונג פון איגנאַץ בערנשטיין
״ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן״

מיט אַ הקדמה פון
דב נוי

אַרויסגעגעבן דורך דער ייִדיש־קאַטעדרע א. נ. פון רינה קאַסטאַ
בר־אילן אוניווערסיטעט, רמת־גן
תש״ן—1990

ABRAHAM KEREN

JEWISH LIFE AS REFLECTED IN YIDDISH PROVERBS

a publication of the
Rena Costa Chair in Yiddish
Bar-Ilan University, Ramat-Gan 1990

אברהם קרן / החיים בראי הפתגם ביידיש

בהוצאת הקתדרה ליידיש ע"ש רינה קוסטה
אוניברסיטת בר־אילן — רמת־גן,
תש"ן—1990

הקדמה מאת
דב נוי

הובא לדפוס בידי א. שדלצקי

Printed in Israel
דפוס "צור־אות" — ירושלים

דב נוי

הקדמה

אין דער ייִדישער פּאַרעמיאָלאָגיע (דאָס פאָרשן פון שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן) און צווישן די זאַמלונגען פון ייִדישע שפּריכווערטער, פאַרנעמט נאָך אַלץ דעם אויבן-אָן איגנאַץ (יצחק) בערנשטיינס פּראַכטפול בוך **יודישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטען** (דעם ערשטן אַרויסלאָז פון דער זאַמלונג, אין מ. ספּעקטאָרס **דער הויזפריינד**, — 2056 אייַנסן — איז אין 1989 געוואָרן הונדערט יאָר), און באַזונדערס די צווייטע "פאַרמעהרטע און פאַרבעסערטע אויפלאַגע" צוגעגרייט מיט דער מיט-הילף פון ב. וו. זעגעל (וואַרשע 1908) — 3993 אייַנסן[1].

די סיבה דערפון איז ניט נאָר אין דעם אימפּאָזאַנטן כמות (די פריערדיקע גרויסע זאַמלונג, פון אברהם טענדלאַו, אַרויס אין דייַטשיש, פראַנקפורט 1860, האָט פאַרמאָגט 1070 אייַנסן), אויך ניט נאָר אין דער פּרעכטיקער אויסשטאַטונג פונעם בוך, נאָר אויך אין דעם איכות — דעם וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג פונעם זאַמלער-אַרויסגעבער צו די געזאַמלטע ייִדיש-מאַטעריאַלן בפרט (דאָס איז קענטיק אין זייַנע הקדמות צום בוך) און צום שפּריכוואָרט-זשאַנער בכלל. מע דאַרף געדענקען, אַז בערנשטיינס צוויי-בענדיקער, אַנאָטירטער קאַטאַלאָג (4761 אייַנסן) פון שפּריכוואָרט-זאַמלונגען און אָפּ-האַנדלונגען וועגן שפּריכווערטער, וועלכע זייַנען געווען

אַ טייל פון זײַן אַרומנעמיקער פּריוואַטער ביבליאָטעק (הײַנט-צו-טאָג אין דער יאַגעלאָנישער אוניווערסיטעט-ביבליאָטעק אין קראָקע), פּובליקירט אין 1900, איז ביז הײַנט אַ שם-דבר אין דער אַלגעמיינער פּאַרעמיאָלאָגיע [2].

איז עס דערפֿאַר ניט קיין וואונדער וואָס בערנשטיינס זאַמלונג איז כמו ווי קאַנאָניזירט געוואָרן דורך שפּעטערדיקע פּובליקאַציעס און פֿאָרשערס, און וואָס די אָנגענומענע סטראַטיגראַפֿיע פֿון דער ייִדישער פּאַרעמיאָלאָגיע (לויט דעם פֿאָרשלאָג פֿון נפֿתלי ווײַניג אין זײַן אַרטיקל, "געשיכטע און פּראָבלעמען פֿון דער ייִדישער פּאַרעמיאָגראַפֿיע", געווידמעט בערנשטיינס 100סטן געבוירנטאָג און פֿאַרעפֿנטלעכט אין ייִוואָ-בלעטער ב' 8, 1935, זז' 356-370) טיילט זי אײַן אין דרײַ תּקופֿות: 1. די פֿאַרבערנשטיינישע; 2. די בערנשטיינישע; 3. די נאָכבערנשטיינישע [3]. ניטאָ קיין ערנצטע שפּריכוואָרט-זאַמלונג אין דעם נאָכבערנשטיינישן פּעריאָד, וואָס פֿאַרגלײַכט ניט די נײַע מאַטעריאַלן מיט בערנשטיינס סטאַנדאַרט-נומעראַציע, און ניטאָ קיין הײַנטצײַטיקע שטודיע אויפֿן געביט פֿונעם ייִדישן שפּריכוואָרט וואָס פֿאַררופֿט זיך ניט אויף בערנשטיין-זעגעל (דאָס דאַרף זײַן דער ריכטיקער פּאַרוויִז, און אַזוי איז זיך נוהג-געווען מו"ר פּראָפ' דב סדן ז"ל אין אַלע זײַנע פּאַרעמיאָלאָגישע שטודיעס).

בערנשטיינס זאַמלונג פֿאַרמאָגט אַריבער 700 זײַטן, און צווישן זיי פֿאַרנעמט דער גלאָסאַר — 80, און דער זוכצעטל (דער "מפֿתּח-אינדעקס") — אַריבער 30 זײַטן (1600 איינסן). די 4000 שפּריכווערטער, געזאַמלט במשך פֿון 35 יאָר, קומען לויטן אַלפֿאַבעטישן סדר פֿון דעם

״שלאָגוואָרט״, ד״ה דעם וואָרט אינעם שפּריכוואָרט, וואָס קאָנדענסירט אין זיך דעם גאַנצן תמצית און איז די הויפּט-טעמע פונעם שפּריכוואָרט. דאָס אָפּוואָרפן פון דער פאַרעלטערטער שיטה פון אײַנאָרדענען אַלע שפּריכווערטער לויט דעם אַלף-בית פונעם ערשטן וואָרט (אַזוי טענדלאו און אַנדערע), דאָס אַליין איז אַ פּיאָנע-רישער אויפטו אין אונדזער פּאַרעמיאָלאָגיע. אַזוי קומט דאָס ערשטע שפּריכוואָרט אין דער זאַמלונג (״אַז מען בייזערט זיך אָב, געהט אָב דער כעס״) אונטער ״אָב-בייזערן זיך״, ניט אונטער ״אַז״ און ניט אונטער ״כעס״ (אָבער ״כעס״ אין זוכצעטל האָט אַן אָפּשיק צו ״אָב-בייזערן זיך״), און אָפט מאָל ווערט אַ שווער שפּריכ-וואָרט אין דער זאַמלונג דערקלערט. אַזוי, למשל, ווערט דאָס לעצטע שפּריכוואָרט אין דער זאַמלונג: ״תשעה-באָב האָבן די פליי אַ יריד״ דערקלערט (סײַ אין ייִדיש און סײַ אין דײַטשיש): ״ווײַל מען זיצט אויף דער ערד אין די זאָקן״.

*

די ייִדישע פּאַרעמיאָלאָגיע האָט זיך קאָנצענטרירט אין דעם ״נאָכבערנשטיינישן פּעריאָד״ בעיקר אַרום דרײַ פּאָרש-אַספּעקטן, כאָטש שוין פריער האָבן מיר, הגם גאָר זעלטן, פּרוּוון פון אינטערפּרעטאַציע און באַמערקן וועלכע שפּיגלען אָפּ די דאָזיקע דרײַ אַספּעקטן:

1. **דער היסטאָריש-געאָגראַפישער אַספּעקט**: דער אָפּשטאַם, אַנטוויקלונג און פאַרשפּרייטונג פונעם שפּריכ-וואָרט אָדער ווערטל; פאָרשונגען וועגן מקור, ייִדישע און ניט-ייִדישע וואַריאַנטן און פּאַראַלעלן. דער דאָזיקער

אַספּעקט דאָמינירט אויך הײַנט אין דער פּאַרעמיאָלאָגיע, און די מערסטע אָפּהאַנדלונגען געהערן ביז איצט צו דער "פּאַרגלײַכיקער", אָדער "היסטאָריש-געאָגראַפֿי-שער" שול (אָפּט מאָל ווערט זי אָנגערופֿן, לויטן לאַנד פֿון איר אָנהייב, "די פֿינישע שול"). דאָס ביכל פֿון מײַן בן-עיר, ר' לייבל טויבעס, **תּלמודישע עלעמענטן אינעם ייִדישן שפּריכוואָרט, מיט אַן אָנהאַנג: תּלמודישע גע-פֿליגעלטע ווערטער אין דער ייִדישער שפּראַך**, ווילן 1928 (425 איינסן אַחוץ אַריבער 500 "געפֿליגלטע ווערטער"), ווי אויך די צענדליקער אָפּהאַנדלונגען פֿון מו"ר פּראָפ' דב סדן ז"ל, וועלכע זײַנען אַרײַן אין זײַנע ביכער, און פֿאַרשן די מקורות און גלגולים פֿון שפּריכווערטער און ווערטלעך און פֿון זייערע שפּראַך-ניואַנסן און טעמאַ-טישע מאָטיוון, געהערן צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע.

2. **דער עטנאָפּסיכאָלאָגישער אַספּעקט.** אַזוי ווי דאָס שפּריכוואָרט לעבט אין פֿאָלק און ווערט איבערגעגעבן פֿון דור צו דור דורך "זאָגערס" און "טראַדענטן" וועלכע רעפּרעזענטירן דעם כּלל, שפּיגלט דאָס שפּריכוואָרט אָפּ דעם דאָזיקן כּלל, די געזעלשאַפֿט, גענויער און אמתדי-קער ווי די דעקלאַמאַטאָרישע אַרויסזאָגן פֿון יחידים וועלכע זײַנען על-פּי-רוב איינמאָליק און ספּאָראַדיש. אויב די דאָזיקע השערה (און אין דער פֿאָלקלאָריסטיק איז זי אָנגענומען ווי אַ דערוויזענע אַקסיאָם) איז ריכטיק, שפּיגלט דאָס שפּריכוואָרט אָפּ דעם אמתדיקן "איך" פֿונעם פֿאָלק, זײַנע באַציאונגען, זײַן וועלטבאַנעם. בערנ-שטיין אַליין האַלט אין זײַן אַרהאַנדלונג "דער ייִדישער שטייגער אין פּוילישן שפּריכוואָרט" (**ייִוואָ-בלעטער** 4, 1932, זז' 51-59), אַז דאָס שפּריכוואָרט איז אַ גאָר

פּאַרלאָזלעכער מקור פונעם נאַציאָנאַל-פּסיכאָלאָגישן וועלטבאַנעם, און דאָס איז אויך די באַציאונג פון י. ל. כהן, דעם אויסגעצייכנטן פאָלקלאָריסט אויפן געביט פון דער ייִדישער פאָלקס-דערציילונג און דעם ייִדישן פאָלקסליד, אין דער אַרבעט **דער ייִד וועגן זיך און וועגן אַנדערע אין זײַנע שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן**, ניו-יאָרק 1933 [4].

3. **דער פילאָלאָגיש-ליטעראַרישער אַספּעקט.** דאָס שפּריכוואָרט און באַזונדערס דאָס ווערטל אינטערעסירן דעם פאָרשער ווי אַ זעלבשטענדיקער זשאַנער, ווי אַ פאָלקס-ליטעראַרישע שאַפונג פאַר זיך אַליין, וואָס האָט אירע אייגענע עטנאָפּאָעטישע כללים און קריטעריעס (פגל וועגן דער דרײַצאָל אין שפּריכווערטער, יעקב לינדענבערגס "צו דרײַ", **ייִדישע פילאָלאָגיע** ב׳ 1, 1924). ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז אין דער בערנשטיין-זאַמלונג גופא איז שוין דער דאָזיקער אַספּעקט רעפּרע-זענטירט: דאָס שלאָגוואָרט "בעסער" וואָס פאַרמאָגט 55 שפּריכווערטער און איז איינס פון די פינף רײַכסטע שלאָגווערטער אין דער זאַמלונג (נאָך "גאָט" מיט 110, "נאַר" מיט 76, "קינד" מיט 58, און "ייִד" מיט 54 שפּריכ-ווערטער) [5] איז אַ יוצא-דופן צווישן די שלאָגווערטער. דאָס בשותפותדיקע פון די אַרײַנגענומענע שפּריכווער-טער איז ניט קיין טעמע, ווי אין אַלע אַנדערע שלאָג-ווערטער, נאָר אַ סטרוקטור. אַזוי וואָלט אין אמתן דאָס שפּריכוואָרט "בעסער אַ מיאוס ווײַב פאַר זיך, איידער אַ שיין ווײַב פאַר אַנדערע" געדאַרפט קלאַסיפיצירט ווערן אונטער דעם שלאָגוואָרט "ווײַב" (50 איינסן אין דער זאַמלונג) און "בעסער מיט אַ קלוגן צו פאַרלירן

איידער מיט אַ נאַר צו געפינען (געווינען?)״ — אונטער ״קלוגער״ (11 איינסן), אָדער ״נאַר״ (76 איינסן), אָבער ביידע שפּריכווערטער (און 53 אַנדערע) זײַנען קלאַסי־פיצירט אונטער ״בעסער״. דאָס איז אפשר געווען אַן אַנצוהערעניש מצד די קלאַסיפיקאַטאָרן, אַז כאָטש דער טעמאַטישער פּרינציפּ איז דער עיקר, איז אויך דער סטרוקטורעלער דערלאָזבאַר.

צו דעם ליטעראַרישן אַספּעקט געהערט אויך דער באַניץ פון שפּריכווערטער און גלײַכווערטלעך אין אונדזער ליטעראַטור[6], באַזונדערס דורך מחברים וואָס שעפּן מיט פולע עמערס פון די פאָלקסקוואַלן — שלום עליכם, י. ל. פּרץ, איציק מאַנגער א״אַ. אויך דאָ איז מו״ר דב סדן ז״ל געווען דער ראש המדברים[7].

*

די בלויזן פון דער בערנשטיין־זאַמלונג (פּג״ל: בער־נאַרד וואַכשטיין, ״דאָס אויסברייטונג פון איגנאַץ בערנ־שטיינס לעבנסווערק״, **פילאָלאָגישע שריפטן פון ייִוואָ**, ב׳ 1, 1926, זז׳ 27-38; ב׳ 2, 1928, ז׳ 516) האָבן ניט דערמעגלעכט די אַנטוויקלונג פון צוויי אַספּעקטן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אוניווער־סאַלער פּאַרעמיאָלאָגיע בשעת דעם ״נאָכבערנשטיינישן פּעריאָד״. זײַנען טאַקע די דאָזיקע צוויי אַספּעקטן פאַר־נאַכלעסיקט געוואָרן אין דער ייִדיש־פּאַרעמיאָלאָגיע. דאָס זײַנען דער דיאַלעקטאָלאָגישער און דער סאָציאָ־עקאָנאָמישער אַספּעקט:

אַזוי ווי דער אויסלייג איז אין דער זאַמלונג אוניפי־צירט געוואָרן, און אַלע ייִדיש־טעקסטן זײַנען טראַנסלי־

טערירט געוואָרן אויף דעם זעלבן אופן, איז ניטאָ קיין פלאַץ פאַר דיאַלעקטאָלאָגישע-רעגיאָנאַלע פאָרשונגען. דער איינהייטלעכער אויסלייג איז אַ גרויסע מניעה אויס־צוגעפינען אַפילו אַזאַ פונדאַמענטאַלן פאַקט, צי אַ ספּעציפיש שפּריכוואָרט שטאַמט פון פּוילן צי פון גאַ־ליציע.

דאָס פעלן פון אַ געהעריקער, געאָגראַפישער דאָ־קומענטאַציע (פון וואַנעט שטאַמט יעדעס שפּריכוואָרט? וואו איז עס פאַרשריבן געוואָרן?) פאַרמיידט דאָס פאָרשן פון לאָקאַלע, סאָציאָ־עקאָנאָמישע באַדינגונגען און היסטאָרישע געשעענישן.

די פאָרליגנדיקע אַרבעט פון מײַן תלמיד און פרײַנד אברהם קרן איז אַ פּרוּוו אויסצוניצן די בערנשטיין־זאַמלונג אויפן סאָציאָ־עקאָנאָמישן געביט, אָננעמענדיק אַז דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע איז געווען, אין תוך גענומען, איינהייטלעך, און אַז אויפן סמך פון אַ געהעריקן שפּריכוואָרט־קאָרפּוס און מיט דער הילף פון אַ געהעריקן, מעטאָדישן שפּריכוואָרט־אַנאַליז קען מען באַקרעפטיקן אָדער פּסלען די געפינסן און מסקנות פון די ייִדישע סאָציאָלאָגן און עקאָנאָמיע־פאָרשערס (זע אין דעם מחברס ביבליאָגראַפיע, די ווערק פון יעקב לעשטשינסקי און רפאל מאַהלער).

אונדזער מחבר האָט זיך באַגרענעצט צו מסחר און מלאכה ווי אויך צו ייִדישע פּרנסות, האַלטנדיק מן הסתם, אַז "תפסת מרובה לא תפסת", אָבער אויב דער באַ־ניצטער סטאַטיסטישער מעטאָד איז פאַרלאָזלעך, קען די אַרבעט דינען ווי אַ מאָדעל פאַר ווײַטערדיקע פאָרע־מיאָגראַפישע פאָרשונגען בנוגע דער משפּחה, ייִדיש־

גויִישע באַציאונגען און אַנדערע טעמעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט דעם רעאַלן לעבן.

דאָס פאָרשן פון באַרוף-שפּריכווערטער איז אָנגענומען אין דער אַלגעמיינער פּאַרעמיאָלאָגיע זינט אירע ערשטע טריט, און דאָס רעלעוואַנטע קאַפּיטל ("בערופע, האַנדווערק...") אין ראָלל׳ס אויבנדערמאָנטער ביבליאָגראַפיע פאַרמאָגט אַריבער הונדערט איינסן. דער גרויסער דײַטשער פּאַרעמיאָלאָג פרידריך זיילער האָט אין זײַן קלאַסישן ווערק **דויטשע שפּריכווערטערקונדע**, מינכען 1922, אַ באַזונדערן אָפּטייל וועגן "שפּריכווערטלעכע רעדנסאַרטן לויט ספּעציפישע לעבנסגעביטן", און צווישן די 13 קאַפּיטלעך אין דעם דאָזיקן אָפּטייל זײַנען פאַראַן באַזונדערע קאַפּיטלעך וועגן "געלט און געשעפט", "אַרבעט און בעלי-מלאכות" אאַז״וו. עס זײַנען אויך פאַראַן מאָנאָגראַפישע אַרבעטן וועגן באַזונדערע פּראָפעסיעס, און פ. זיילער אַליין האָט פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט וועגן "סאָלדאַטענלעבן אים דויטשען שפּריכוואָרט" אין דער צײַטשריפט **דעס פעריינס פיר פאָלקסקונדע** (הויפּטזשורנאַל פון דער דײַטשער פאָלקלאָריסטיק) פון 1917 [8].

בײַ אונדז האָט מען זייער ווייניק געאַרבעט אויף דעם געביט, און די יוצאים מן הכלל באַשטעטיקן דעם דאָזיקן כלל. אַזוי האָט דער שוין דערמאָנטער נ. ווײַניג געדרוקט אין דער וואַרשעווער **סאָציאַלע מעדיצין** פון 1936 אַ סעריע פון אַרטיקלען וועגן "דאָקטאָר און מעדיצין אין יידישן שפּריכוואָרט", שטיצנדיק זיך הויפּטזעכלעך אויף בערנשטיין-זעגעל [9].

*

קרנס אַרבעט (וואָס שטיצט זיך בעיקר אויף בערנ-שטיינס זאַמלונג, אָבער נעמט אויך אין באַטראַכט ניט-בערנשטייניִשע שפּריכווערטער, אויך אַזעלכע פון זײַן אייגענעם זיכרון), איז אַן אויסברייטערונג פון זײַן אַרבעט געשריבן אין מײַן פֿאָלקלאָר-סעמינאַר אויפן העברעאישן אוניווערסיטעט. צו דעם דאָזיקן סעמינאַר אין פֿאָלקס-ליטעראַטור (אין 1975) האָט דער ניט-אַזוי-יונגער סטודענט פון געשיכטע און ליטעראַטור, אברהם קרן (געב. 1912 אין בערטש, מיטל-גאַליציע) מיטגעבראַכט מיט זיך אַ גאַר וואָגיקן באַגאַזש, וואָס האָט פֿאַרמאָגט ידיעות און דערפֿאַרונגען סײַ פון זײַנע לערניאָרן און סײַ פון זײַנע אַרבעטיאָרן. לויט זײַן אייגענער עדותשאַפט האָט ער זיך אינטערעסירט מיט ייִדישן פֿאָלקלאָר און ייִדישער קולטור-ירושה שוין בשעת זײַנע לערניאָרן אין בערטש (וואו פֿאַרענדיקט די פֿאָלקסשול), לעמבעריק (וואו פֿאַרענדיקט די מיטלשול) און וואַרשע (וואו פֿאַר-ענדיקט דעם מלוכהשן ייִדישן לערער-סעמינאַר, און וואו ער האָט אויך שטודירט אינעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישע ל׳מודים). דער אינטערעס איז געוואָקסן במשך פון זײַנע אַרבעטיאָרן ווי אַ לערער אין די ״תרבות״-שולן אין בזשעזין (לעבן לאָדזש) און לעמבעריק, ווי דער די-רעקטאָר פון דער בערטשער פֿאָלקסשול בשעת דער סאָוויעטישער הערשאַפט (1939-1941), ווי אַן אַקטיוויסט און לערער אין דעם אונטערערדישן דערציִאונגס-ס׳סטעם אין בערטש (במשך פון די ערשטע נאַצישע אָקופּאַציע-יאָרן), ווי שפּעטער (נאָך די גרוילעכע און יסורימדיקע יאָרן אין געטאָס און לאַגערן) אַ לערער אין די שארית-הפליטה-לאַגערן אין דײַטשלאַנד, און

צום סוף אין חיפה, אין שולן און קלאַסן פֿאַר דער־וואַקסענע. נאָר נאָכן פּענסיאָנירט ווערן האָט קרן געהאַט גענוג פֿרייַע צייַט, כדי צו דערגאַנצן זייַנע שטודיעס, קריגן אַן אַקאַדעמישן טיטל, און ווידמען זיך דער ייִדי־שער פֿאָלקלאָריסטיק.

ווי אַ פֿרייַוויליקער זאַמלער פֿון פֿאָלקס־דערציילונגען האָט ער אַרייַנגעבראַכט אין אסע״י (ארכיון הסיפור העממי בישראל — דער אַרכיוו פֿון פֿאָלקס־דערציי־לונגען, איצט אַ טייל פֿון דעם חיפה־אוניווערסיטעט) אַריבער 500 פֿאָלקס־דערציילונגען, על־פּי רוב וויצן און אַנעקדאָטן, און 28 פֿון זיי (געזאַמלט, ווי דער גרעסטער טייל פֿון זייַנע מאַטעריאַלן, פֿון קרובים און בערטשער לאַנדסלייַט) זייַנען געדרוקט אין זייַן העברעאישער זאַמ־לונג, **עצה מבית הרוטשילדים**, אַרויסלאָז פֿונעם העברע־אישן אוניווערסיטעט, ירושלים 1981 [10]. ער איז אויך אַ שטענדיקער אינדעקסירער פֿון די שפּריכווערטער אין די נייַ־אַרייַנגעקומענע פֿאָלקס־דערציילונגען אין אסע״י, וואָס פֿאַרמאָגט הייַנט צו טאָג 17,100 דערציילונגען.

אין מייַן ״וואָרט־פֿאָרויס״ צו דער **עצה**־זאַמלונג שטעל איך פֿאָר דעם מחבר (ז׳ 9) ווי ״אַ פֿאָלקלאָריסט און פֿלייסיקן זאַמלער, וואָס איז באַזונדערס פֿאַראינטערע־סירט אין דעם שפּריכוואָרט, זייַן זאַמלען און פֿאָרשן״. זייַן אינטערעס האָט טאַקע באַקומען דעם תיקון אין אַ פּאָר פֿאַרעמיאָלאָגישע אַרטיקלען, פֿאַרעפֿנטלעכע צוו״אַ אין דעם אויבנדערמאַנטן זשורנאַל **פּראָווערביום** (העל־סינקי, פֿינלאַנד), ווי אויך אין זייַן פֿאַרבינדן זיך מיט דער ייִדיש־קאַטעדרע א״נ פֿון רינאַ קאָסטאַ אויפֿן בר־אילן־אוניווערסיטעט. בייַ דער דאָזיקער קאַטעדרע האָט

ער עטאַבלירט אַ באַזונדערע פונדאַציע (לזכר פון זײַן אומגעקומענער משפחה) פאַר פאָלקלאָריסטישע־פּאַרע־מיאָלאָגישע פּובליקאַציעס, ווי אויך פאַר סטיפּענדיעס און פּרײַזן פאַר סטודענטן וועלכע ספּעציאַליזירן זיך אין ייִדיש־פאָלקלאָריסטיק און אין ייִדיש־פּאַרעמיאָלאָגיע, און צייכנען זיך אויס אין זייערע לימודים.

*

אויך די פאָרליגנדיקע אָפּהאַנדלונג איז אַ רעזולטאַט פון דעם מחברס פּאַרעמיאָלאָגישן אינטערעס. ווי אַ פאָלקלאָריסט וואָס האָט אויך שטודירט געשיכטע און סאָציאָלאָגיע, באַניצט דער מחבר די שפּריכווערטער ווי אַן עדותשאַפט וועגן דעם ייִדישן ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן לעבן, בעיקר אין פּוילן, פון וואַנעט עס שטאַמען די אַנאַליזירטע שפּריכווערטער. כאָטש דאָ און דאָרט איז דער מחבר נוטה אַרײַנצולאָזן זיך אין דערקלערערישע און פילאָלאָגישע דיגרעסיעס (פּג״ל די אויסטײַטשן פון דעם שפּריכוואָרט ״אַ הונט שיקט אַ הונט, אַ רב שיקט אַ רב״, בערנשטיין נ׳ 1115), אָדער אין פעסטשטעלונגען וועגן דעם נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן כאַראַקטער פון די שפּריכווערטער ווי אויך וועגן זייער און דעם פאָלקס ייִדישן ״איך״, האָט די אַרבעט, אין תּוך גענומען, אַן עטנאָהיסטאָרישן און עטנאָסאָציאָלאָגישן כאַראַקטער.

אין דעם לעצטן קאַפּיטל פון זײַן אַרבעט פאָרמולירט דער מחבר זעקס מסקנות, צווישן זיי אויך וועגן אַלגע־מיינע, פּאַרעמיאָלאָגישע ענינים: השפּעות אויפן ייִדישן שפּריכוואָרט און זײַנע מקורות, דער חוש פון הומאָר אין די שפּריכווערטער א״אַ. איך האַלט אַז די וויכטיקסטע

מסקנה איז, אַז די שפּריכוואָרטער זײַנען אַ פֿאַרלאָז־לעכער מקור װעגן ייִדישע לעבנס־באַדינגונגען און ייִדישן לעבנסשטייגער. אין אַ סך פֿאַלן זײַנען דעם מחברס סטאַטיסטישע געפֿינסן װאָס שטיצן זיך אויף שפּריכ־װערטער, אידענטיש מיט די אויספֿירן פֿון היסטאָריקערס און סאָציאָלאָגן פֿונעם מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום (שמעון דובנאָװ, יעקב לעשטשינסקי א״אַ), װאָס שטיצן זיך אויף היסטאָרישע דאָקומענטן. דאָס הייסט אַז מינדלעכע שפּריכװערטער קענען דינען און באַניצט װערן װי היסטאָרישע דאָקומענטן, און דאָס איז מעגלעך אין באַדינגונגען װען קיין געשריבענע אָדער געדרוקטע דאָ־קומענטן זײַנען ניט פֿאַראַן. אַזעלכע באַדינגונגען קענען זײַן פּערמאַנענטע (אַ פֿאַרליטעראַרישע געזעלשאַפֿט; אַ פּחד מצד דעם פֿאַרפֿאַסער איבערצולאָזן אַ געשרי־בענעם דאָקומענט װאָס קען אויף דעם שרײַבער ברענ־גען צרות און רדיפֿות...) אָדער דערװײַליקע (דאָס פֿעלן פֿון פּאַפּיר אין געטאָס און לאַגערן), אָבער אין ביידע פֿאַלן קענען דאָס שפּריכװאָרט און דאָס װערטל דינען װי אַ פֿאַרלאָזלעכער ״בימקום״ פֿון היסטאָרישער דאָקומענטאַציע [11].

איך האָף, אַז אַברהם קרנס אַרבעט װאָס איז אַ חשו־בער צוטראָג צו אונדזער פֿאַרעמיאָלאָגישער ליטעראַטור, װעט דינען װי אַ מאָדעל פֿאַר צוקונפֿטיקע, ענלעכע אַרבעטן פֿון סטודענטן, ליטעראַטור־פֿאָרשערס און פֿאָלקלאָריסטן, װאָס אונדזער פֿאָלקסשאַפֿונג איז זיי ליב און טײַער. איך האָף אויך אַז די דאָזיקע אַרבעטן װעלן אויסברייטערן סײַ די טעמאַטיק און סײַ דעם אַנאַליזירטן קאָרפּוס און װעלן זיך ניט באַגנוגן מיט דער בערנשטיין־

זאַמלונג. אברהם קרנס מיטאַרבעט מיט דער בר-אילן יידיש-קאַטעדרע און מיט אירע סטודענטן וועט האָפנטלעך פירן צו ווײַטערדיקע שטודיעס און פובליקאַציעס.

דערפֿאַר, און ניט נאָר פֿאַר דער פּאַרעמיאָלאָגישער אַרבעט אַליין, קומט דעם מחבר אַ דאַנק און יישר-כוח פון אַלע יידיש-פֿאָלקלאָריסטן.

1 וועגן דער מאַגנאַטישער און מאַגנעטישער געשטאַלט פון איגנאַץ בערנשטיין (1836—1909), וואָס די פּאַרעמיאָלאָגיע איז געווען נאָר איין אַספּעקט פון זײַן רײַכן אינטעלעקטועלן און שאַפערישן "איך", פּג"ל דאָס אינטערעסאַנטע קאַפּיטל אין ב' 3 פון יעקב שאַצקי, **געשיכטע פון יידן אין וואַרשע**, ניו-יאָרק 1953, זז' 326-328. שאַצקי, וואָס איז אויך דער מחבר פון בערנשטיינס ביאָגראַפיע אינעם ערשטן באַנד פונעם **לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור**, ניו-יאָרק 1956, פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל מיטן זאַץ: "זײַן (בערנשטיינס) עשירות איז אַוועק מיטן ווינט, זײַן ספר **יידישע שפּריכווערטער** איז געבליבן לדורות".

2 אין דער אַרומנעמיקער, אוניווערסאַלער **שפּריכווערטער-ביבליאָגראַפי** פון אָטאָ מאָלל, פראַנקפורט 1958 (דײַטשיש, אַריבער 9100 איינסן, צווישן זיי 26 אין דעם אונטער-קאַפּיטל "יידיש"), פיגורירט בערנשטיינס זאַמלונג אין קראָקע צווישן די 9 **וויכטיקסטע** פּאַרעמיאָגראַפישע זאַמלונגען-ביבליאָטעקן אין אייראָפּע. די אַנדערע געפינען זיך אין בערלין, לאָנדאָן, פּאַריז. מאָלל (נ' 49) באַטאָנט אַז בערנשטיינס קאַטאַלאָג איז "רײַכ-האַלטיק אונד צופאַרלעסלעך".

3 די דאָזיקע איינטיילונג איז רעלעוואַנט ביז צום אויפקום פון דער "נײַער" יידישער פּאַרעמיאָלאָגיע אין די 50ער יאָרן, באַאײַנפלוסט פון נײַע פאָרשונג-שטראָמען (סטרוקטוראַליזם, סעמיאָטיק און נאָך), סײַ אין מדינת ישראל (פונקציאָנאַליזם) און סײַ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. צו דעם נאָכמלחמהדיקן, מיטצײַטיקן דור פון יידישע פּאַרעמיאָלאָגן וואָס זײַנען בעיקר

טעאַרעטיקערס, אָבער זיי פּלעבטן אַרײַן אין זייערע ביישפּילן אַ סך ייִדיש-מאַטעריאַלן פון מזרח-אייראָפּע, געהערן (לויטן א״ב סדר; אין קלאַמערן ווערט געבראַכט אַ כאַראַקטעריסטישע פּאַרעמיאָלאָגישע אַרבעט פונעם פאָרשער): גלית חזן-רוקם (איר ענגליש בוך **שפּריכווערטער אין ישראלדיקע פאָלקס-דערציילונגען: אַ סטרוקטורעל-סעמאַנטישער אַנאַליז**, וואָס זײַן מקור איז דער מחברטעס דיסערטאַציע אויפן העברעאישן אוניווערסיטעט, איז אַרויס אין העלסינקי 1982, אין דער אויסגאַבע-ריי פון דער פינישער וויסנשאַפטן-אַקאַדעמיע); העדאַ יאַזאָן (ענגלישער אַרטיקל ״שפּריכווערטער אין דער גזעזעל-שאַפט: די פּראָבלעם פון באַטײַט און פונקציע״, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאַרעמיאָלאָגישער צײַטשריפט **פּראָווערב-יום**, העפט 17, 1971, זז׳ 617-623); בינאַ סילווערמאַן-ווײַנרײַך (״פּאָרמאַלע פּראָבלעמען בײַם פאָרשן דאָס ייִדישע שפּריכ-וואָרט״, אין **פאַר מאַקס ווײַנרײַך**, האַג 1964, זז׳ 383-392; אויסגעברייטערט אין דעם העברעאישן נוסח, **הספרות**, ב׳ 3, 1971); באַרבאַראַ (ברײַנדל) קירשנבלאַט-גימבלעט (״צו אַ טעאָריע פון שפּריכוואָרט-באַטייט״, אין אויבנדערמאָנטן זשורנאַל **פּראָווערביום**, העפט 22, 1973, זז׳ 821-827). עטלעכע מיט-צײַטיקע ישראלדיקע פאָלקלאָריסטן (יששכר בן-עמי, יהודה רצהבי א״אַ) פאָרשן דאָס ווערטל און שפּריכוואָרט בײַ די ייִדישע עטנישע גרופּעס וואָס זייער ייִדישע שפּראַך איז שפּאַניאָ-ליש, ייִדיש-אַראַביש, ייִדיש-פּערסיש א״אַ. דאָס רעזומירן און אָפּשאַצן פון דער דאָזיקער ״נײַער ייִדישער פּאַרעמיאָלאָגיע״ איז מחוץ די רעמען פון אונדזער אַרײַנפיר. אין עלי יאַסיפס אַנאָטירטער ביבליאָגראַפיע פון ייִדישן פאָלקלאָר (ענגליש, ניו יאָרק-לאָנדאָן 1986) זײַנען פאַראַן אַ בערך 80 פּאַרעמיאָ-לאָגישע (צווישן 1356) איינסן, און זיי שפּיגלען אָפּ בעיקר די טענדענצן פון דער ״נײַער״ פּאַרעמיאָגראַפיע.

4 דער פּראָגראַמאַטישער אַרטיקל וועגן דעם אַספּעקט איז פּוב-ליקירט אויפן שוועל פון דער ״נײַער ייִדישער פּאַרעמיאָלאָגיע״ (פּג״ל אויבן, הערה 3) אין דער יובל-שריפט **מנחה ליהודה** (ירושלים 1950), געווידמעט דעם באַקאַנטן פאָלקלאָריסט י. ל. זלאָטניק (געשריבן אַ סך וועגן ייִדיש-פאָלקלאָר אונטערן

נאָמען יהודה עלזעט; אין זײַנע לעצטע יאָרן — אַבידע), צו זײַן 60סטן געבוירנטאָג. דאָס איז דער אַרטיקל פון א. א. ראָבאַק וועגן וועלט-באַנעם אין ייִדישן פאָלקלאָר. לויטן מחבר פאַרפעלן די פאַרגלײַכיקע און פילאָלאָגישע טענדענצן אין דער ייִדישער פאָלקלאָריסטיק, דעם הויפּטאַספּעקט — דעם באַטײַט. דער מחבר שטיצט זיך אויף שפּריכווערטער, ווערטלעך און פאַר-גלײַכן אין ייִדיש, וואָס פאַרמאָגן דאָס וואָרט "וועלט" (בײַ בערנשטיין 21 איינסן). אין זײַן פריערדיקער, ענגלישער אַרבעט ("פּסיכאָלאָגישע אַספּעקטן פון ייִדישע באַשיץ-פּראַזעס"), אין **ביולעטין פון דער ייִדישער אַקאַדעמיע פון קונסטן און וויסנ-שאַפטן,** ניו-יאָרק 1938, אַנאַליזירט ראָבאַק "פּראָפילאַקטישע פּראַזעס" ווי "זאָל ער זיך מיִען", "גאָט באַהיט", "להבדיל" א"אַ, אויפן סמך פון ז. פרוידס פּסיכאָאַנאַליטישע שטודיעס וועגן נעווראָטישקייט. פג"ל אויך ראָבאַקס **דער פאָלקסגייסט אין דער ייִדישער שפּראַך,** פּאַריז 1964. דער 6טער טייל אינעם בוך הייסט: "פאָלקלאָר און אידיאָמאַטיק".

5 אַחוץ די פינף שלאָגווערטער, וואָס יעדעס פון זיי פאַרמאָגט אַריבער 50 איינסן, זײַנען דאָ אין דער זאַמלונג נאָך נײַן שלאָג-ווערטער וואָס יעדעס פון זיי פאַרמאָגט אַריבער 20 שלאָג-ווערטער: "הונט" און "**ווײַב**" (צו 50), מענטש (49), געלט (46), "אָרעם-מאַן" (43), מויד-מיידל (31), קאַץ (24), **וועלט** (21).

6 דאָס איז אויך אויסן די פאָלקס-ליטעראַטור און די באַציאונגען צווישן דעם שפּריכוואָרט און אַנדערע עטנאָפּאָעטישע זשאַנערן: דאָס פאָלקסליד, די פאָלקס-דערציילונג, דאָס רעטעניש, די פאָלקסדראַמע. פג"ל דאָס בוך פון גלית חזן-רוקם, דערמאָנט אויבן, הערה 3.

7 פג"ל צ"ב זײַנע "אַרײַנפיר-באַמערקן צו טביה דעם מילכיקערס תורות" אין דב סדן, **צווישן ווײַט און נאָענט, תל-אביב** 1982, זז' 9-23.

8 אין דעם **ווילנער טאָג** (1919) האָט ש. אַנסקי, דער פאָטער פון דער מזרח-אייראָפּעאישער ייִדישער פאָלקלאָריסטיק, פאַרעפנט-לעכט אַן אינטערעסאַנטן עסיי "ייִדישע מלחמה-גלײַכווערטלעך" וואו ער אַנאַליזירט 24 נײַע אידיאָמען און אַרויסזאָגן. זײַנע

מסקנות וועלכע עפּענען דעם עסיי, זײַנען גענעראַליזירונגען, און דערפֿאַר אויבערפֿלעכלעך. אַזוי צ״ב איז ״נישטאָ אין דער וועלט נאָך אַ פֿאָלק, וואָס זאָל אַזוי ליב האָבן אַ גלײַכווערטל, ווי דאָס ייִדישע פֿאָלק״ און ענלעכע אַרויסזאָגן. דער עסיי איז אַרײַן אין דעם 15טן באַנד פֿון ש. אַנסקיס **געזאַמלטע שריפֿטן**, וואַרשע 1925, זז׳ 233-239.

9 אויך מ. דינעמאַנס דײַטשישער אַרטיקל, ״היגיענישעס אים יודישן שפּריכוואָרט״, אין דעם זאַמלבוך **די היגיענע דער יודען** (רעד׳ מאַקס גרונוואַלד, דרעזדען 1911), שטיצט זיך אויף בערנשטיין-זעגעל.

10 די זאַמלונג איז דער 43סטער אַרויסלאָז אין דער אסע״י-פּובליקאַציע-סעריע וואָס איר אָנהייב איז געווען אין 1961. דאָס קעפּל (״די עצה פֿון ראָטשילדס הויז״) שטאַמט פֿון איינער פֿון די אַרײַנגענומענע אָנעקדאָטן. דער נאַראַטיווער מאַטעריאַל איז נאָר אַ פֿערטל פֿונעם בוך. זײַן רוב באַשטייט פֿון דעם וויסנשאַפֿטלעכן אַפּאַראַט — פֿאַרגלײַכיקע הערות, זוכ-צעטלען פֿון דערציילטיפּן און דערצייל-מאָטיוון, ענגלישער טייל, ביאָגראַפֿיעס פֿון די 16 דערציילערס (5 פֿון זיי — נאָענטע קרובים) און די אויטאָביאָגראַפֿיע פֿונעם זאַמלער, אַברהם קרן.

11 פֿג״ל ישראל קאַפּלאַן, **דאָס פֿאָלקס-מויל אין נאַצי-קלעם** (ערשטע אויסגאַבע — מינכען 1949, צווייטע — תל-אביב 1981), און ענלעכע אַרבעטן. קאַפּלאַנס לעקסיקאָן פֿאַרמאָגט ריידענישן אין געטאָ און קאַצעט, און האָט (לויט דב סדן, **אין און אַרום ייִדישוואָרג**, תל-אביב 1984, ז׳ 131) ״אַ באַזונדערן שפּראַכלעכן און פֿאָלקלאָריסטישן ווערט, איז אָבער אויך פֿון טיף ייִדישן היסטאָרישן באַטייט״.

אַרײַנפֿיר

דאָס שפּריכוואָרט איז אַ שאַפונג פון אַ יחיד, וואָס דער כלל האָט זיך צוגעאייגנט און ווערט דורך אים איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, פון דור צו דור, און ווערט אײַנגעגלידערט אין דער אַלגעמיינער פאָלקסשאַפונג. דער יסוד און אינהאַלט פונעם שפּריכוואָרט איז די חכמה און לעבנס־דערפאַרונג, וואָס דאָס פאָלק האָט דערוואָרבן אין משך פון דורות און שפּיגלט אָפּ זיין לעבנס־שטייגער און זיין וועלט־אַנשויאונג.

דאָס שפּריכוואָרט, אין זיין תוכן ווי אין זיין פאָרם, איז אייגנאַרטיק, איז קאָנצענטרירט אין ווייניק ווערטער, אין אַ תמצית־שבתמציתדיקן אויסדרוק, כמעט תמיד שאַרפזיניק און מאָלעריש, אָפט אויך איבעררעשנדיק און געגראַמט. אַזוי אַרום גיט עס איבער די חכמה, די דערפאַרונג, דעם געדאַנקען־גאַנג און די אידעען וואָס לעבן אין פאָלק.

אין זכות פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן האָט זיך דאָס שפּריכוואָרט אײַנגעקריצט אין זכרון פון פאָלק און פאַרשפּרייט די אָנגעזאַמלטע לעבנס־חכמה אין משך פון דורות, איבער־געבנדיק זי צו די נײַע און קומענדיקע דורות, זיי זאָלן קענען אויסנוצן די דערפאַרונג, נישט דאַרפנדיק דורכגיין אויפסנײַ די דאָזיקע נסיונות.

אַזוי ווי אין יעדער פאָלקסשאַפונג, זײַנען אויך אין שפּריכ־וואָרט פאַראַן אוניווערסאַלע מאָטיוון, בשותפותדיקע מיט אַנ־דערע פעלקער, אָדער גאָר מיט דעם מענטש בכלל, אומעטום. די נאַטור פון דעם מענטשן איז דאָך ענלעך אין פאַרשיידענע טיילן פון דער וועלט, וואו עס זײַנען פאַראַן ענלעכע נאַטור־

פאַרהעלטענישן. דעריבער זײַנען אויך לעבנס־דערפאַרונגען ענלעך. מיר געפינען ענלעכע שפּריכווערטער בײַ פאַרשיידענע פעלקער, וואָס לעבן אין געאָגראַפיש ווײַטע צו זיך מקומות. נעבן דעם אוניווערסאַלן יסוד זײַנען פאַראַן אין דער פאָלקס־שאַפונג בולטע שטריכן וואָס זײַנען אַ פּועל־יוצא פון אַ געוויסן קולטורעלן און געאָגראַפישן מרחב, ווי אויך פון אַ היסטאָרישן גערא‏ַנגל פון אַ פאָלק, אַ גערא‏ַנגל, וועלכער האָט איבערגעלאָזט אויפן פאָלק אַ שטאַרקן און דויערנדיקן רושם. זײַנע שפּורן זײַנען פאַרבליבן אין זכרון פון פאָלק און האָבן גורם געווען אײַנגעאַרטיקע באַנעמונגען און דערפאַרונגען, וואָס געפינען זייער אָפּשפּיגלונג אין דער פאָלקסשאַפונג, אין שפּריכוואָרט, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט הערדער, דער באַרימטער דענקער פון 18־טן יאָרהונדערט, וועגן דער חשיבות פונעם שפּריכוואָרט: ״די שפּריכווערטער זײַנען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם געדאַנקען־גאַנג פון פאָלק״.

דאָס אויבן־געזאָגטע באַציט זיך אָן ספק מער ווי בײַ אַנדערע פעלקער אויף דעם ייִדישן פאָלק און זיין פאָלקסשאַפונג. מיר זײַנען דאָך אַן ״עם לבדד ישכון״. זיין גערא‏ַנגל און קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ און לעבן, איז אַן אַ בײַשפּיל און גלײַכן אין דער געשיכטע.

אונדזער אויפגאַבע איז צו דערפאַרשן ווי אַזוי זעט אויס דאָס בילד פון דעם סאָציאַלן און עקאָנאָמישן לעבן פון די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע אין אײַנקלאַנג מיט אונדזער טעמע, באַזירנדיק זיך אויף דער גרויסער שפּריכווערטער־זאַמלונג אין דער ייִדישער שפּראַך, געזאַמלט פון איגנאַץ בערנשטיין און ב. וו. זעגעל [1].

די שפּריכווערטער זײַנען געזאַמלט געוואָרן אין רוסלאַנד אין פּוילן און אין גאַליציע, וואו עס האָבן זיך קאָנצענטרירט די

גרויסע ייִדישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע, בערך 80% פֿונעם דעמאָלטדיקן ייִדישן פֿאָלק בכלל, און וואָס זייַער שפּראַך איז געווען ייִדיש. לאָמיר־זשע זען ווי ווייַט די שפּריכווערטער וואָס אינטערעסירן אונדז, סייַ אין זייער איכות, סייַ אין זייער כמות, וועלן אונדז דינען ווי אַ בילד, וואָס אילוסטרירט די לעבנס־ווירקלעכקייטן פֿון סאָציאַלן אוןווירטשאַפֿטלעכן מצב פֿון דעם ייִדנטום אין מזרח־אייראָפּע ביזן סוף פֿון 19־טן יאָר־הונדערט (זע הוספֿה א׳).

א. אָרט, צײַט און היסטאָרישער הינטערגרונט פון די שפּריכווערטער

איגנאַץ בערנשטיין (1836—1909), דער זאַמלער און פאָרשער פון ייִדישן פאָלקלאָר, שרײַבט אין דער הקדמה צו זײַן זאַמלונג: "אין דעם יאָרבוך 'דער הויזפריינד', אַרויסגעגעבן פון מ. ספּעקטאָר אין וואַרשע (1888־1889), איז געווען אָפּגעדרוקט אַ טייל פון מײַנע שפּריכווערטער. די זאַמלונג, וואָס איך גיב איבער אַצינד דעם לעזער אַלס צווייטע אויפלאַגע, איז כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די ערשטע און איז באַאַרבעטעט אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן — — — די שפּריכווערטער האָב איך געזאַמלט אין רוסלאַנד, אין פּוילן און אין גאַליציע אין דער צײַט פון אַן ערך 35 יאָר — — — נאָר איין איינציקער מאַן ה' ב. וו. זעגעל האָט מיר בײַ דער צווייטער אויפלאַגע שטאַרק מיטגעהאָלפן און דאַריבער בין איך מחויב אים אָפּצוגעבן אַ יישר־כוח" [1].

די אויבן ציטירטע ווערטער פון א. בערנשטיין צייכענען אָן דעם געאָגראַפישן שטח פון וועלכן ער האָט געשעפּט די שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן פון זײַן זאַמלונג: רוסלאַנד, פּוילן און גאַליציע (מיט אויסנאַם פון רומעניע און ליטע). לויט די מקורות פון היסטאָריקער און סאָציאָלאָגן, האָבן דעמאָלט געלעבט אין אייראָפּע איבער 87% פון ייִדישן פאָלק בכלל, און דאָס דאָזיקע ייִדנטום האָט זיך קאָנצענטרירט בעיקר, אין זיין איבערוויגנדיקער מערהייט, אין מזרח־אייראָפּע. נאָר אַ גאַנץ קליינער טייל פון ייִדישן פאָלק האָט געלעבט אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער (אויך אין ליטע און רומעניע

איז די צאָל פון ייִדן נישט געווען גרויס), — איז קלאָר לויט די מקורות [2], אַז אין די לענדער אין וועלכע בערנשטיין האָט געזאַמלט זײַנע ייִדישע שפּריכווערטער האָבן געלעבט דער רוב מניין און רוב בניין פון ייִדישן פֿאָלק (איבער 80%).

דער היסטאָרישער באָדן אויף וועלכן די דאָזיקע שפּריכווערטער זײַנען אויסגעוואַקסן, איז געווען די ווירקלעכקייט אין צאַרישן רוסלאַנד און אין דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מלוכה. אין די דאָזיקע לענדער האָט די ייִדישע באַפעלקערונג געלעבט אין אַ סביבה פון אַ סך נאַציאָנאַליטעטן. אין גאַליציע צווישן פּאָליאַקן, אוקראַיִנער און דייטשן; אין בעסאַראַביע (רוסלאַנד) צווישן מאָלדאַוון, רוסן און אוקראַיִנער; אין ליטע — צווישן רוסן, פּאָליאַקן און לעטן; אין בוקאָווינע צווישן אוקראַיִנער, רומענער און דײַטשן. די דערמאָנטע נאַציאָנאַלע צעשפּאָלטונג פון דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג האָט געשאַפן די בעסטע באַדינגונגען פאַר דער ייִדישער קולטור. אָט דער מצב האָט געגעבן דער ייִדישער מינדערהייט די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען איר אייגענע קולטור, איר אייגנאַרטיק לעבן. מע דאַרף צוגעבן, אַז די ייִדן זײַנען דאָרט געווען די קולטורעלסטע עלעמענטן, אָבער פון דער אַנדערער זייט, פּאָליטיש און ווירטשאַפטלעך, האָבן די ייִדן געליטן פון אַ שווערער דיסקרימינאַציע און אונטערדריקונג. דאָס איז געווען דער גורם און הויפּט־סיבה פון דער שטאַרקער פאַראַרעמונג פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט געלעבט אין קלעם פון רדיפות און רעפּרעסיעס פון דרויסן, אָבער גלײַכצײַטיק האָט זי געקענט אַנטוויקלען אירע קולטורעלע ווערטן, איר פאָלקס־יצירה, און געהאַט די מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן איר אייגן לעבן.

ווי אַזוי האָט אויסגעזען דאָס סאָציאַלע און ווירטשאַפטלעכע

לעבן ? וואָס זײַנען געווען די ייִדישע פּרנסות ? — אַ תשובה אויף די דאָזיקע פֿראַגן געפֿינען מיר בײַ יעקב לעשצינסקי, דעם סאָציאָלאָג פֿון ייִדישן פֿאָלק אין יענע צײַטן. אין זײַן בוך „וואוהין גייער מיר" [3] שרײַבט ער: „ביז נאָך גאַנץ טיף אין 19־טן יאָרהונדערט איז דאָס מזרח־אייראָפּעאישע ייִדנטום געווען קליינשטעטלדיק־דאָרפֿיש, שענקערס, אָרענדאַרן, מע־קלערלעך, חלפֿנים און חלפֿנימלעך, איבערקויפֿער און אויפֿ־קויפֿער, קרעמערלעך און סתם מאַרק־ייִדן, מענטשן וואָס כאַפּן אויפֿן יאַריד אַ פֿאַרדינסטל און קוקן אַרויס אַ גאַנצע וואָך אויפֿן קומענדיקן יאַריד, ועל כולם אַן אַ שיעור רבנים און דיינים, צדיקים און אייניקלעך, שוחטים און חזנים — דאָס איז געווען יענע ברייטע קליינבירגערלעכע מאַסע, וועלכע מענדעלע האָט אַזוי גלענצענדיק כאַראַקטעריזירט ווי אַן עדה מילבן, וואָס אײנע איז ענלעך צו דער צווייטער. ס'זײַנען געווען איינצלנע רײַכע אַרענדאַרן און רײַכע סוחרים, זעלטענער רײַכע פֿאַבריקאַנטן און רײַכע פֿינאַנסיסטן. די דאָזיקע העלע פֿלעקן האָבן אָבער ווייניק געענדערט דאָס גרויע בילד פֿון דער ייִדישער עקאָנאָמישער סטרוקטור. די דערמאָנטע קליינ־בירגערלעכע עלעמענטן האָבן אויסגעמאַכט ניט ווייניקער פֿון 70 אָדער 75 פּראָצענט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און האָבן אַרויפֿגעלייגט דעם שטעמפּל אויף דעם גאַנצן ייִדישן לעבן. די בערך 15 אָדער 18 פּראָצענט ייִדישע בעלי־מלאכות האָבן זיך ווייניק אָנגעזען און נאָך ווייניקער באַווירקט דאָס ייִדישע לעבן" [3].

אַן ענלעכע עדותשאַפֿט וועגן דעם באַרופֿלעכן באַשטאַנד פֿון די ייִדן, דאַמאָלס אין צווייטן גרויסן ייִדישן קיבוץ, אין גאַליציע, געפֿינען מיר בײַם היסטאָריקער ד"ר נ. מ. געלבער [4].

וואָס שייך דער תקופה אין וועלכער אונדזערע שפּריכ־

ווערטער זײַנען געשאַפֿן געוואָרן, איז אָנצונעמען, אַז זיי זײַנען אַנטשטאַנען אין משך פֿון הונדערטער יאָרן, אָנהייבנדיק (לויט שמעון דובנאָוו) אין דער מיט פֿון דעם 17־טן יאָרהונדערט ביז ווײַט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19־טן יאָרהונדערט, ביז דעם צעפֿאַל פֿון דער אָפּגעלעבטער פֿעאָדאַלער ווירטשאַפֿט־סיסטעם. ביז דעמאָלט האָבן עקזיסטירט די ייִדישע "הינער־פּיסלעך" — עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע האָבן זיך געשטיצט אויף נויט און אויפֿן באַדאַרף פֿונעם פּריץ אין באַדינערס און פֿאַקטערס פֿון איין זײַט, און פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן זיי זיך באַזירט אויף דעם פּויער, וואָס האָט געלעבט אונטער פּריצישער שקלאַפֿערײַ, אויף זײַן פּאַסיווקייט און אָפּגעלאָזנקייט, פֿאַרזונקען אין שמוץ און דחקות.

דער פּריץ איז געווען צופֿרידן איבערצולאָזן דעם ייִד די ראָלע פֿון דעם פֿאַרבינדלער צווישן דאָרף און שטאָט. דער דאָזיקער צושטאַנד האָט זיך אין לויף פֿון הונדערטער יאָרן זייער ווייניק געענדערט.

ב. דער הינטערגרונט פון יידישן שפּריכוואָרט וואָס שפּיגלט אָפּ דעם יידישן עקאָנאָמיש־סאָציאַלן צושטאַנד

1. די שינויים אין דער באַציאונג פון יידן צו אַרבעט — זייערע סיבות

די באַציאונג פון חז״ל צו אַרבעט און מלאכה איז גוט באַקאַנט. עס ווערט דאָך געזאָגט: ״שינד אָפּ אַ נבלה אין מאַרק און נעם דיין שכר און זאָלסט ניט זאָגן איך בין אַ חשובער מענטש, און די אַרבעט פּאַסט ניט פאַר מיר״ [5]. שוין אין תנ״ך ווערט געזאָגט: ״יגיע כפיך כי תאכל, אשריך וטוב לך״. אויך דער פּסוק: ״עובד אדמתו ישבע לחם״ (וואָס איבערחזרט זיך צוויי מאָל), זעט אויס צו זיין אַן אָנגענומענער אמת אין טאָגטעגלעכן לעבן פון פאָלק, וואָס זיין הויפּט־באַשעפטיקונג איז געווען אַגריקולטור. עס זיינען באַקאַנט די חכמי התלמוד, וואָס האָבן זיך מפרנס געווען מיט פאַרשידענע מלאכות. זייער לערנען האָט זיי נישט געדינט ווי אַ קרדום לחפור בו, פאַר זייער פּרנסה. נישט לאַנג צוריק איז דערשינען אַ וויכטיקע פאָרשונגס־אַרבעט פון מאיר איילי [5*]. אין זיין אַרבעט קומט ער צו דער מסקנה, אַז חז״ל האָבן זייער הויך געשעצט די מלאכה נישט בלויז מחמת איר נוצלעכקייט, נאָר צוליב איר מאָראַלישער און רעליגיעזער באַדייטונג. זיין אויספיר באַזירט איילי אויף די מיינונגען וואָס ווערן אויסגעדריקט דורך חז״ל אין די תלמודים און מדרשים, אין דער הלכה און אין דער אגדה (זע הוספה ב׳).

דאָ האָבן מיר אַ באַשטעטיקונג פאַר דער אויבנגעבראַכטער

ציטאַטע פון תלמוד בבלי, און די פסוקים פון תנ״ך וואָס ריידן וועגן דער צײַט ווען ייִדן זײַנען געזעסן אין זייער לאַנד, אין ארץ־ישראל.

אין גלות האָט זיך די באַציאונג צו אַרבעט געענדערט צוליבן אויסערלעכן דרוק, צ.ב. די פאַרבאָטן צו קויפן באָדן אָדער די אוממעגלעכקייט צו באַשעפטיקן זיך מיט פעלד־אַרבעט, און אויך — צוליבן פעלן פון פרנסה־מקורות מיט פיזישער אַרבעט. אַזוי אַרום האָט זיך געשאַפן אַ גאַנץ אַנדערער מצב ווי אין די פריערדיקע דורות, ווען דאָס לערנען איז בלויז געווען אַ צוגאָב צו דער פיזישער אַרבעט. אין נויט־צײַטן, איז דאָס לערנען לסוף געוואָרן, באַוואוסט אָדער אומבאַוואוסט, אַ מיטל צו פאַרגעסן די צרות פון פרנסה אָדער אַנדערע צרות. דאָס פאַרטיפן זיך אין לערנען, ווי עס שטייט ״והגית בו יומם ולילה״ [6] איז געוואָרן אַ וועג צו פאַרזינקען אין בטלנות, צוליב ״אין ברירה״. מיט דער צײַט איז עס געוואָרן אַ געוואוינהייט און דווקא אויף די בעלי־מלאכה האָט מען געקוקט ווי אויף מענטשן פון נידעריקן שטאַנד.

2. דער הינטערגרונט — שפּריכווערטער

אַצינד לאָמיר זען די ווערטלעך און שפּריכווערטער אין אונדזער זאַמלונג, כדי צו באַקענען זיך ווי אַזוי זעט דער דאָזיקער מצב אויס אין ייִדישן שפּריכוואָרט, איך וועל ציטירן אַ פּאָר שפּריכווערטער, ווי אַן אילוסטראַציע, שפּריכווערטער אין וועלכע עס אַנטפּלעקט זיך די טרויעריקע ווירקלעכקייט וואָס איז געווען דער גורל פון ייִדישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע אין אַלגעמיין, און דריקן באַזונדערס אויס די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע.

"דעם ייִדן מיידט קיין אומגליק ניט אויס" [7] — וואָרנט דאָס שפּריכוואָרט דעם ייִד. דאָס הייסט — ער זאָל נישט האָבן קיין שום אילוזיעס, נאָר ער זאָל אַרויסציִען די ריכטיקע קאָנסעקווענצן פון דער סיטואַציע. אַזוי ווערט אויך געוואָרנט אַ ייִד אַן עושר ער זאָל נישט פאַרלאָזן זיך אויף זײַן עשירות, ווײַל "אַ ייִדיש עשירות איז ווי אַ בינטל שטרוי" [8]. עס ברענט — הייסט עס מיט אַ ליכטיקן פלאַם, אָבער ווערט גיך פאַרלאָשן. בכלל איז שטרוי אַ סימבאָל פון עפּעס וואָס האָט קיין קיום ניט, מען טרעט דאַרויף, און עס ווערט באַלד פאַרפוילט, און ס'בלײַבט דערפון אַ ביסל מיסט און נישט מער. ענלעך איז דאָס ייִדישע עשירות, וואָס פאַרשווינדט זייער שנעל. דער זעלבער געדאַנק ווערט נאָך שאַרפער אויסגעדריקט אין שפּריכוואָרט "אַ ייִדיש עשירות איז ווי אַ מאַרצאָווער שניי" [9], דאָס הייסט — שניי אין חודש מערץ בלײַבט ניט לאַנג, פאַרשווינדט און לאָזט קיין זכר ניט איבער.

3. און פון עשירות — צו ייִדישע פּרנסות בכלל

דאָס שפּריכוואָרט פון חז"ל "קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים־סוף" [10] באַקומט אַ נאָך שאַרפערן אויסדרוק אין ייִדישן שפּריכוואָרט: "פּרנסה קומט שווערער אַז ווי קריעת ים־סוף" [11]. אין נאָך אַ שאַרפערער פאָרם זאָגט דאָס אָריגינעל ייִדיש־שפּריכוואָרט וועגן פּרנסה: "אַ ייִדנס פּרנסה איז יגון ואנחה, און זײַן גליק איז אַ מערכה" [12] — מערכה — אין זין פון מזל.

אַז עס קומט עפּעס אַ צרה אויף אַ ייִד, טרייסט ער זיך, אַז ער האָט געהאַט אַ מערכה (מזל), ווײַל עס האָט געקאָנט זיין פיל ערגער...

איבעראַשנדיק איז דאָס שפּריכוואָרט: „אַ ייִד און אַ וואָלף גייען ניט אַרום ליידיק"[13]. פרעגט זיך: ווי קומט דאָס צוזאַמענפּאָרען אַ ייִד מיט אַ ווילדער דראַפּעדיקער חיה, מיט אַ וואָלף? — ווײַל, ווי באַקאַנט, האָט דאָך אַ ייִד מורא־געהאַט אַפילו פאַר אַ הונט, און אַ וואָלף האָט אַ ייִד געקענט נאָר פון דער תורה, „בנימין זאב יטרוף"[14] (פּג"ל בײַם תהילים־זאָגן „טרף נתן ליראיו"[15]). דער זיווג צווישן וואָלף און ייִד איז אַלעגאָריש. דערצו האָט בײַגעטראָגן די פּאָרשפּרייטע רעדנס־אַרט „ער איז הונגעריק ווי אַ וואָלף". זיי ביידע, דער ייִד און דער וואָלף, זוכן תמיד פּרנסה, פאַרבינדנדיק אַסאָציאַטיוו דאָס וואָרט „טרף", וואָס אין תנ"ך האָט עס אַ טאָפּלטע באַדייטונג: סײַ „רויב" (זאב יטרוף) סײַ פּרנסה (טרף נתן ליראיו). אַזוי אַרום האָט זיך דער וואָלף פאַרבונדן אין דער מחשבה פונעם פאָלק מיט הונגער פון איין זײַט און מיט פּרנסה וואָס שטילט דעם הונגער פון דער אַנדערער זײַט.

פון די שפּריכווערטער (באַמ' 11־13) ווייסן מיר ווי שווער עס האָט געלאַסטעט אין יענע צײַטן אויף דעם ייִדישן כלל דער פּרנסה־עול. דער דאָזיקער מאָטיוו דערשיינט אויך אָפט אין די ייִדישע פאָלקסלידער. עס איז לײַכט זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי אַ ייִד יאָגט זיך נאָך נאָך אַ שאָטן פון אַ פּאַרדינסטל. דערפאַר איז נישט קיין וואונדער, אַז „דעם ייִדן פעלט תמיד אַ טאָג"[16]. א. בערנשטיין באַמערקט: „מען מיינט דעם טאָג פון שבת, וואָס מען קען ניט אַרבעטן".

דאָס איז געווען דער הינטערגרונט און באַזיס פון אויפקום פון אַזעלכע שפּריכווערטער בײַ ייִדן.

עטלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען

פונעם אַלגעמיינעם בילד פון דער ייִדישער עקאָנאָמיש־סאָציאַ־לער לאַגע אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, קענען מיר איצט קומען צו דער עצם טעמע, דהיינו ווי אַזוי שפּיגלט זיך אָפּ דאָס ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע לעבן פון מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום אינעם ייִדישן שפּריכוואָרט, פיל אויס־פירלעכער.

קודם, עטלעכע אָנגאָבן און ציפערן:

גרופּע (לויט טעמעס)	צאָל שפּריכווערטער	פּראָצענט פון כלל־שפּריכווערטער
אַרבעט און מלאכה	88	20.5
מסחר אין שטאָט און אין דאָרף	155	37.0
כלי־קודש, דערציאונג, עסקנות, פּאַרשידנס	174	41.0
הינטערגרונט־שפּריכווערטער	7	1.5
סה״כ שפּריכווערטער	424	100

די אַלגעמיינע צאָל שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן אין דער זאַמלונג פון איגנאַץ בערנשטיין באַטרעפט 3993 איינהייטן. דערפון געהערן צו אונדזער אַלגעמיינער טעמע 424 איינהייטן. די טאַבעלע אויבן ווייַזט אָן אויף דער פּאַרטיילונג פון די 424 איינהייטן און הויפּטגרופּן פון באַשעפטיקונגען בייַ ייִדן. דערבייַ האָב איך צוגעגעבן אויך דעם פּראָצענט־זאַץ פון יעדער גרופּע אין דער אַלגעמיינער צאָל שפּריכווערטער פון אונדזער טעמע.

אין דער טאַבעלע פאַרנעמט דאָס ערשטע אָרט די גרופּע כלי־קודש און די וואָס זייער פּרנסה איז אָנגעוויזן אויפן כלל, אויף קהל.

דעם צווייטן אָרט פאַרנעמט די גרופּע ״מסחר״ (אין שטאָט און אין דאָרף), און די באַשעפטיקונגען וואָס האָבן אַ שייכות צו מסחר, ווי מעקלער, א.אַ.וו. ערשט דעם דריטן (לעצטן) אָרט פאַרנעמט די גרופּע ״אַרבעט און מלאכה״. די דאָזיקע גרופּע איז פּראָצענטמעסיק בלויז אַ פֿינפטל פֿון דער אַלגע־מיינער צאָל פֿון אונדזער טעמע (20.5%). פֿון דער טאַבעלע קענען מיר אַרויסדרינגען מער־ווייניק ווי ס'האָט אויסגעזען די עקאָנאָמיש־באַרופֿלעכע לאַגע פֿון ייִדן אין די מזרח־אייראָפּע־אישע לענדער.

עטלעכע באַמערקונגען וועגן כאַראַקטער פֿון די שפּריכווערטער פֿון אונדזער טעמע

א. די צאָל 424 נעמט אַרום שפּריכווערטער וואָס באַציִען זיך דירעקט צום פֿאַכמאַן אָדער צו דער באַשעפֿטיקונג פֿון פֿאַכמאַן. צ.ב. דאָס שפּריכוואָרט אונטערן שטיכוואָרט ״דינער״ זאָגט: ״דינער זײַנען טרײַ אַז זיי זײַנען נײַ״ [17]. דער סוביעקט איז דאָ ״דער דינער״ און דריקט אויס די אַלגעמיינע מיינונג, אַז אַ דינער איז טרײַ און איבערגעגעבן צו זײַן בעל־הבית נאָר אין דער ערשטער צײַט, אין אָנהייב פֿון זײַן אַרבעט, אין זין פֿון באַקאַנטן שפּריכוואָרט ״אַ נײַער בעזעם קערט גוט״ [18]. נאָך איין בײַשפּיל: ״אַ שדכן מוז זײַן אַ ליגנער״ [18*]. דאָ איז דער סוביעקט פֿונעם שפּריכוואָרט ״דער שדכן״, וואָס זײַן פּרנסה איז אים מחייב צו זײַן אַ ליגנער. די ביידע אויבנציטירטע שפּריכווערטער צילן דירעקט און קלאָר צו זייער ענין און תוכן.

ב. שפּריוואָרטער וואָס באַנוצן זיך מיט אַ משל, אַ פאַרגלײַך אָדער אַ מעטאַפאָר, אַנשטאָט צו רעדן דירעקט פון אַ פאַכמאַן אָדער זײַן באַשעפטיקונג. צום ביישפּיל: ״דער שוסטער רעדט פון דער קאָפּעטע, דער בעקער רעדט פון דער לאָפּעטע״[19]. דאָ מיינט מען ניט דווקא דעם שוסטער און דעם בעקער. דער זין, די משמעות פונעם שפּריכוואָרט איז אַן אַלגעמיינער. עס איז אַן אַנגענומענער כלל, אַז יעדער בעל־מלאכה, יעדער פאַכמאַן, האָט ליב צו רעדן מיט דער שפּראַך און מיט דער טערמינאָלאָגיע פון זײַן באַרוף. דאָס זעלבע דער שנײַדער, דער קאָוואַל און דער בעל־עגלה, יעדער דריקט אויס זײַן התפּעלות פון חזן מיט זײַן פאַך־לשון. געמיינט איז דאָ באמת בלויז זייער אַרבעטס־ווערקצייג, צוליב דעם גראַם קאָפּעטע—לאָפּעטע. צוליב דעם פערז קריצט זיך דאָס שפּריכוואָרט אײַן אין זכרון.

אין דעם ענין אַ צווייט שפּריכוואָרט: ״דער שיכור איז געשטאָרבן, דער שענקער איז פאַרדאָרבן״[20]. דער פּשוטער תוכן פונעם שפּריכוואָרט זאָגט, אַז דער שענקער ווערט קראַנק ווען דער שיכור שטאַרבט. דער אמתער מיין פון די ווערטער פונעם שפּריכוואָרט איז אָבער גאַנץ אַנדערש. דער שיכור איז אַ סימבאָל פון אַ גוטן קונה. ״געשטאָרבן״ מיינט מען דאָ, אַז דער גוטער קונה איז פאַרשוואונדן, איז שוין נישטאָ, איז געשטאָרבן. דעמאָלט איז דער שענקער־סוחר באַשעדיקט, לײַדט אַ גרויסן שאָדן אין זײַן פּרנסה, פאַרלירנדיק אַ גוטן קונה. אויך דאָ איז דער מיין אַן אַלגעמיינער: די שייכות צווישן סוחר און קונה. אויך אין דעם שפּריכוואָרט האָבן מיר אַ גראַם: געשטאָרבן—פאַרדאָרבן.

ג. װאַריאַנטן פון שפּריכװערטער, צ.ב. "אַ בדחן מאַכט די גאַנצע שטוב פריילעך און אַליין האָט ער אין דער היים צרות" [21]. דער צװײטער טייל, די סיפא פונעם שפּריכ־װאָרט, האָט צװײ װאַריאַנטן: 1) "און אַליין ליגט ער אין דער ערד"; 2) "און אַליין איז ער אומעטיק".

ד. עס זײַנען פאַראַן שפּריכװערטער װאָס נעמען אַרום מער װי איין באַרוף, פאַכמאַן, אָדער באַשעפטיקונג. אונטערן שטיכ־װאָרט: "גן־עדן" לייענען מיר: "פאַר דרײַ האָט מען אָנגעגרייט אַ באַזונדער גן־עדן: פאַר רבנים, נאמנים און מלמדים — נאָר עס שטייט נאָך עד היום ליידיק" [22]. דאָס שפּריכװאָרט רעכנט זיך װי דרײַ שפּריכװערטער, װייל מיר האָבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון דרײַ באַרופן, דרײַ באַשעפטיקונגען, װאָס קיינער פון די דערמאָנטע "פאַכלײַט" האָט נישט געצוג זכויות ער זאָל ראוי זיין צו זיצן אין גן־עדן, ד.ה. קיינער פון די דרײַ פירן ניט אויס די "אַרבעט" װאָס מ'האָט אים פאַרטרויט װי געהעריק.

נאָך אַ ביישפּיל: "דרײַ מענטשן זינגען פאַר צרות: אַ חזן, אַ בעטלער און אַ מאַרשעלעק" [23]. די אַלע דרײַ זינגען נישט װײַל זיי זײַנען פריילעך, נאָר װײַל זיי זאָרגן פאַר פּרנסה. אויך דאָ װערט דאָס שפּריכװאָרט גערעכנט פאַר דרײַ שפּריכ־װערטער, לויט די צאָל "באַרופן" װאָס װערן דערמאָנט אין שפּריכװאָרט.

ה. אַ חוץ די שפּריכװערטער װאָס געהערן צו אונדזער טעמע לויט זייערע שטיכװערטער, זײַנען אויך פאַראַן שפּריכװערטער, װאָס זייער שטיכװאָרט האָט נישט צו טון מיט אַרבעט און מלאכה, אָבער זייער אינהאַלט איז יאָ אויף דער טעמע. מיר זעען אַ שטיכװאָרט "שבת" מיט אינהאַלט "שבת־שטעך האַלטן

ניט״ [24]. דאָס שטיכוואָרט איז טאַקע ״שבת״, דער אינהאַלט רעדט אָבער וועגן אַ שניידער וואָס האָט ניט געקאָנט אויס־פאַרטיקן דעם מלבוש צו דער צייט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט — אויף שבת. און אָט איז שוין נאָך כניסת השבת, דאָן נייט ער אין איילעניש מיט ברייטע שטעך, וואָס האַלטן נישט לאַנג... ווייל ווי געזאָגט: ״פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס״ [24]*, ממילא איז די אַרבעט נישט גוט. ענלעך איז אויך דאָס שטיכוואָרט ״שטאָך״ און זיין אינהאַלט איז ״ער האָט געמאַכט אַ שטאָך אין שבת״ [25] וואָס דערמאָנט אונדז אינהאַלטלעך דאָס פריערדיקע שפריכוואָרט, און דער זינען דערפון איז פאַר־ברייטערט און זאָגט, אַז ווען איינער פאַרשפעטיקט זיך אונטער־וועגס פרייטיק־צו־נאַכטס און ער איז געקומען ״מיטן דישעל (דייכסל) אין צימעס אַריין״. דער משל שטאַמט אָבער פון שניידעריי. (זע אויך הוספה ג׳).

ובאותו עניין: ״ער האָט אָװעקגעלייגט שער און אייזן״ [26] געפינט זיך ביי דעם שטיכוואָרט ״אָוועקלייגן״. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַ שניידער, וואָס אויף דער עלטער באַשעפטיקט ער זיך שוין נישט מיט זיין באַרוף. דאָס שטיכ־וואָרט געהערט צו דער טעמע ״שניידער״.

ומעניין לעניין: ״ער איז עפּעס הייזעריק״ [27] אונטערן שטיכוואָרט ״הייזעריק״, דאָס איז מרמז אויף אַ סוחר, וואָס האָט אויפגעהערט צאָלן זיינע וועקסלען — דאָס געהערט צו דער טעמע ״מסחר״. אָדער — ביים שטיכוואָרט ״זיצן״ לייע־נען מיר: ״ער זיצט ווי אַ מצות־בעקער״ [28], דאָס הייסט — ער האָט ניט קיין באַשעפטיקונג אַזוי ווי דער מצות־בעקער, וואָס זיין גאַנצע אַרבעט איז אַ פּאָר טעג אין יאָר, פאַר פסח, בעתן מצות־באַקן.

אַזוי ווייט וועגן באַשטימען די צאָל שפריכווערטער וועלכע

מיר באַהאַנדלען. איצט קומען מיר צום עיקרדיקן טייל פון אונדזער טעמע. מיר וועלן באַטראַכטן ווי זעט אויס דאָס עקאָנאָמיש־סאָציאַלע לעבן פון די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע לויט די שפּריכווערטער וואָס זייַנען אויפגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער דאָרטיקער ווירקלעכקייט. די דאָזיקע שפּריכווערטער וועלן אונדז באַלייַכטן די לאַגע און דעם רעאַלן צושטאַנד פון די באַרופלעכע און אינערלעכע סאָציאַלע פאַרהעלטענישן אין דער ייִדישער געזעלשאַפט בכלל.

גרופּע א׳ — אַרבעט און מלאכה

די באַציאונג צו מלאכה און בעלי־מלאכות

דער סך־הכל שפּריכווערטער אין גרופּע א׳ איז 88. דערפון געהערן צו מלאכה און בעלי־מלאכות 54 שפּריכווערטער. אַ דריטל דערפון, ד.ה. 18 שפּריכווערטער פאַרנעמען זיך מיט אַלגעמיינע ענינים פון מלאכה בײַ ייִדן. די דאָזיקע צאָל איז שוין מרמז אויף דעם אַלגעמיינעם אָרט וואָס מלאכה האָט פאַרנומען אין ייִדישן לעבן, און אפשר באַווײַזט דאָס אויך אויף אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער באַשעפטיקונג. אין די דאָזיקע שפּריכווערטער פעלט ניט קיין הומאָר — ״אַ ייִד קען אַלע מלאכות, פּסח באַקט ער מצות, שבועות איז ער אַ גערטנער, תשעה־באב איז ער א זעלנער (אָדער אַ בעל־מלחמה), סוכות איז ער אַ בוימײַסטער, חנוכה גיסט ער דריידלעך, ראש־השנה בלאָזט ער שופר״ [28]*. אויך אין די ווײַטערע דרײַ שפּריכווערטער וועגן דער נייגונג פון אַ בעל־מלאכה צו טרינקען אַ כוסע, פעלט נישט קיין הומאָר: ״די מלאכה האָט ליב אַ טרינק״ [29], ״די מלאכה האָט ליב אַ כוסע, און דאָס אַ גרויסע״ [30], און ״די מלאכה האָט ליב צו מאַכן אַ ברכה״ [31] (כאילו נישט דאָס טרינקען איז דער עיקר נאָר די ברכה...). די צוויי לעצטע האָבן אויך גראַמען: כוסע — גרויסע, מלאכה — ברכה.

אין אַלגעמיין איז אָבער די באַציאונג צו מלאכה אַ פּאָזי־טיווע. דאָס דאַרף אונדז נישט וואונדערן, נעמענדיק אין אַכט די טרויעריקע עקאָנאָמישע לאַגע פון ייִדישן ציבור אין מזרח־אייראָפּע. די מלאכה האָט דאָך געגעבן אַ מינימום קיום. דאָס

דריקט זיך אויס אין שפּריכוואָרט אַזוי: "אַ מלאכה איז אַ פאַנצער פאַר דעם דלות" [32]. כאָטש דאָס לעבן פון דעם בעל-מלאכה איז אויך געווען שווער און ער האָט געמוזט דער-טרינקען זײַנע צרות אין אַ גלעזל משקה... ווי מיר האָבן געזען אויבן אַז מיר האָבן אַזש דרײַ שפּריכווערטער וועגן דעם — ווײַזט אויס, אַז דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינע געוואוינהייט בײַם בעל-מלאכה.

דער שטאַנד פונעם שוסטער אין דער ייִדישער געזעלשאַפט

דער געזעלשאַפטלעכער מעמד פונעם בעל-מלאכה איז נישט געווען קיין געהויבענער. אַ באַזונדערע גרינגשעצונג איז געווען לגבי דעם שוסטער. יעדע ייִדישע מאַמע האָט אײַנגע-וויגט איר קינד זינגענדיק אים אַ ליד וועגן תורה-לערנען, ווייל "תורה איז די בעסטע סחורה" [33]. אָבער וועגן אַ ייִנגל וואָס איז אַ "שייגעץ", וואָס וויל נישט לערנען, זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: "אַז מען איז אַ שייגעץ — גיט מען אָפּ פאַר אַ שוסטער" [34]. דאָס איז געווען פאַרן ייִנגל די גרעסטע שטראָף. אַז מען האָט געשמועסט וועגן ייִחוס און עמעצער האָט געוואָלט זאָגן אַז ער איז אויך אַ מיוחס, האָט ער געזאָגט: "איך בין אויך ניט קיין שוסטער" [35]. און אַז מ'האָט וועגן עפּעס-וואָס גערעדט מיט זלזול, האָט מען זיך אויסגעדריקט: "עס שפּאַרט שוין אָן אין דער שוסטער-גאַס" [36].

און ווי אַזוי זעט אויס די באַציאונג צום שנײַדער?

שנײַדערײַ איז אַ מער בכבודיקע מלאכה ווי שוסטערײַ. אָבער אויך דער באַרוף פון שנײַדער פאַרשאַפט אים נישט קיין

גרויסן כבוד. מיר זעען דאָס פונעם שפּריכוואָרט: ״אַ שנײַדערס ווײַב איז נישט קײַן אשת־איש״ [37]. דערויף באַמערקט בערנשטיין, אַז דאָס זאָגט מען לצנותדיק, ווען מען דערלויבט זיך מיט דער שנײַדערקע קאָטאָוועס צו טרײַבן, גלײַך ווי זי וואָלט געווען נישט פאַרהייראַט און מען דאַרף זיך נישט רעכענען מיט איר מאַן. אפשר איז דאָס אויך אַ רמז אויפן פּוילישן שפּריכוואָרט ״שוסטער און שנײַדער זײַנען נישט קיין מענטשן״ [38], און אויב דער שנײַדער איז נישט קײַן מענטש — איש, ממילא איז זיין ווײַב נישט קײַן אשת־איש.

לויט די שפּריכווערטער איז דער שנײַדער נישט מדקדק ווי געהעריק אָפּצוהיטן דעם שבת (זע באַמערקונגען 24, 25: ״שבת־שטעך האַלטן ניט״ און ״ער האָט געמאַכט אַ שטאָך אין שבת״). דאָס שפּריכוואָרט זאָגט וועגן דעם שנײַדערס געמיט, אַז ער איז תמיד אומצופרידן, ער איז אַ כעסן און אַ קפּדן. ער איז קיינמאָל ניט צופרידן פון דער אַרבעט פון זײַנע געהילפן און ער טוט זיי תמיד אָנשרײַען. דאָס שפּריכוואָרט זאָגט דאָס מיט איראָניע: ״ווען בייזערט זיך ניט דער שנײַדער אויף דעם שטיקל אַרבעט [פון זײַנע געהילפן]? — אַז מען נייט אים תכריכים״ [39]. א. בערנשטיין באַמערקט דערצו: ״וואָרום געוויינטלעך שרײַט ער אויף די שנײַדער־יונגען, אַז זיי מאַכן קאַליע די אַרבעט. נאָר אַז מען נייט אים די תכריכים, דאַמאָלסט שווײַגט ער״.

משרתים, דינסטן, בעלי־עגלות

מיר הייבן אָן פון דעם דינער, פון דעם משרת. אויף זײַן אַרבעט קען מען זיך נישט פאַרלאָזן. אויב דו ווילסט אַז די אַרבעט זאָל דיך צופרידנשטעלן, זיי־זשע מוחל און טו עס

אליין. אזוי עצהט דאָס שפּריכוואָרט "דינג דיר אַ משרת און טו עס אַליין" [40]. און דער בעל־הבית ווערט געוואָרנט ער זאָל זיך היטן פון אַ שלעכטן משרת, ווײַל "פון אַ שלעכטן משרת האָט דער בעל־הבית נאָר צרות" [41]. און בכלל קען מען זיך נישט פאַרלאָזן אויף די נאמנות, אויף דער איבערגעגעבנקייט פון אַ משרת. עס איז דאָך באַקאַנט, אַז "דינער זײַנען טרײַ, אַז זיי זײַנען נײַ" (זע אויבן 17). און נאָך עפּעס ערגערס, זיי זײַנען פאַרדעכטיק (באַזונדערס דינסטן) אין גנבות. ווען דער־וויסט זיך דער בעל־הבית פון גניבות? — "אַז די דינסטן קריגן זיך, ווערט דער בעל־הבית געוואָר פון אַלע גניבות" [42]. נײַערט נישט תמיד זאָל מען האָבן תרעומת אויף די משרתים. אָפט געשעט, אַז דער בעל־הבית גיט אַ שלעכטן בײַשפּיל, און "דער משרת איז אַזוי ווי דער האַר" [43] ("כעבד כאדוניו" יש' כד, ב), אָדער אַנדערש געזאָגט: "ווי די שררות אַזוי איז דער משרת" [44]. ווי מיר זעען, דערשײַנט דער משרת און די דינערשאַפט בכלל אין די שפּריכווערטער אין אַ נעגאַטיוו ליכט.

פון דער דינערשאַפט קומען מיר צו אַן אַנדערע דינסט־לײַסטונג, צו קאָמוניקאַציע. דאָס פירט אונדז צוריק צו די צײַטן, ווען דאָס איינציקע קאָמוניקאַציע־מיטל איז געווען אַ פערד און וועגעלע (אָדער וואָגן), און דער בעל־עגלה איז געווען דער תקיף וואָס האָט געהערשט איבערן פאַרקער.

ווען מיר פאַרגלײַכן די שפּריכווערטער וואָס מיר האָבן דער־קענט ביז איצט, דאַרפן מיר באַצייכענען אַן אינטערעסאַנטן אונטערשיד אין שייכות צו די שפּריכווערטער וועגן דעם בעל־עגלה. די ביז איצט־ציטירטע שפּריכווערטער וועגן בעלי־מלאכות (שוסטער, שנײַדער, א. אַנד.) אָדער וועגן משרתים, זײַנען די בעלי־מלאכות די אָביעקטן. דאָס שפּריכוואָרט דריקט

אויס די אַלגעמיינע מיינונג וועגן זיי. אַנדערש איז עס אין די שפּריכווערטער, וואָס באַציען זיך צום בעל־עגלה. פון די 11 שפּריכווערטער אויף דער טעמע "בעל־עגלה" זאָגט דער בעל־עגלה אַליין זײַן מיינונג אויף זײַן באַרוף (ווייניקסטנס אין 5 שפּריכווערטער). איגנאַץ בערנשטיין באַצייכנט עס: "אַזוי זאָגן בעלי־עגלות". די דאָזיקע באַלעגאָלעשע ווערטלעך צייכענען זיך אויס מיט זייער קיצור, געשליפנקייט און הומאָר. אַזאַ דערשײַנונג קען אונדז פירן צו אַ מסקנה וועגן אַ העכערן מעמד פון דעם בעל־עגלה אין דער אַרומיקער ייִדישער געזעלשאַפט. דאָס קען אויך אָנווײַזן אויף זייער אינטעלעקטועלן ניוואָ — זיי האָבן געקענט זיך אויסדריקן וועגן זייער אַרבעט קורץ און בינדיק, אויפקלערנדיק די פּראָבלעמאַטיק פון זייער פאַך.

אַ באַשטעטיקונג דערצו געפינען מיר בײַ ד"ר יום־טוב לעווינסקי אין זײַן מאמר "פון דעם לעבנסשטייגער פון בעלי־מלאכות אין מזרח־אייראָפּע" ("מהווי בעלי מלאכה במזרח־אירופּה")[45]. ד"ר יו"ט לעווינסקי דערציילט וועגן צווייערלײַ בעלי־עגלות. אין די קהילות זײַנען געווען בעלי־עגלות, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר כלי־קודש. זיי האָבן געפירט רבנים און שדרים, זיי האָבן אויך איבערגעפירט בריוו און פּסקי־דין פון די רבנים פון קהילה צו קהילה. זיי זײַנען געווען באַגלייבט אויף כשרות פון מאכלים וואָס זיי האָבן געפירט. דאַקעגן זײַנען געווען אַנדערע בעלי־עגלות, וואָס מ'האָט אָנגערופן "פורמאַן", אָדער "איזוואָזשטשיק", און צו זיי האָט מען ניט געהאַט קיין צוטרוי. אין דעם פאָלקס־דערציילונג־ארכיוו בײַם חיפה־אוניווערסיטעט (אסע"י) זײַנען בנימצא פאָלקס־דערציילונגען וועגן בעלי־עגלות וואָס זײַנען אַפילו געווען תלמידי חכמים. איצט עטלעכע בײַשפּילן:

דער בעל־עגלה מוז זיך גוט אַרומקוקן איידער ער שפּאַנט איַין זיַינע פערד, און זיַין זייער פּאַרזיכטיק, וויַיל „מען קען ניט וויסן ווי אַ וועג שטעלט זיך" [46]. עס קען קומען אַ רעגן אָדער אַ שניי, אָדער גאָר בײדע צוזאַמען מיט אַ ווינט דערצו, און עס מאַכט זיך אַ זאַווערוכע...

די רייזע האָט געוויינלעך געדויערט אַ סך שעהן. די וועגן פון פּוילן אין רוסלאַנד זיַינען אויך געווען זייער שלעכטע. קענען מיר שוין פאַרשטיין פאַרוואָס דער בעל־עגלה זאָגט: „ווען מען פאָרט ווייסט מען, ווען מען קומט צוריק ווייסט מען ניט" [47]. אין דעם דאָזיקן שפּריכוואָרט דריקט אויס דער בעל־עגלה די פּראָבלעמאַטיק פון דער רייזע. און נאָך אַ כלל האָט דער בעל־עגלה: „אַ וואָגן איז אַ זייגער, אַ שליטן איז אַ פּגר" [48]. דער פאַרגליַיך איז מיטן זייגער וואָס האָט רעדלעך און ער „גייט"; אַזוי אויך דער וואָגן וואָס האָט רעדער, „גייט" ער אַפילו אויף אַ שווערן וועג. אַנדערש איז עס מיט אַ שליטן וואָס האָט נישט קיין רעדער, און ווען עס טרעפט זיך אַ שווערער וועג, קען דער שליטן נישט רירן זיך פונעם אָרט און די פערד זיַינען נישט אימשטאַנד אים צו שלעפּן. און דאָס געשעט אָפט אין פרילינג און אין האַרבסט. מע פאָרט אַרויס און די וועלט אַרום איז וויַיס. אַלץ איז באַדעקט מיט שניי. און אָפּפאָרנדיק אַ שטיקל וועג נעמט דער רבונו־של־עולם אַרויס די זון פון פוטערפאַס (ווי די מלמדים פלעגן מפרש זיין „כחום היום"). דער שניי צעגייט און דער שליטן בליַיבט שטעקן אין בלאָטע, און די פערד קענען אים נישט רירן פון אָרט. ער בליַיבט ליגן ווי אַ פּגר...

אַן אַנדער פּראָבלעם איז צווישן די פאַרשוינען און דעם בעל־עגלה. די אכסניות אויף די וועגן זיַינען געווען וויַיט פונאַנאַנדער. אָפט האָט מען געמוזט פאָרן שעהן לאַנג, אַ סך

קילאָמעטערס, ביז מען איז אָנגעקומען צו אַן אַכסניה, צו אַ קרעטשמע. אַלע רייזנדע (איינשליסלעך דעם בעל־עגלה און זײַנע פערד) זײַנען מיד און הונגעריק. די רייזנדע גייען אַרײַן אין דער אַכסניה. אָבער דער בעל־עגלה זאָרגט קודם כל פאַר די פערד. ער מוז זיי געבן זײַער פאַרציע האָבער און פאַשע און אָנפאָיען זיי ווי געהעריק. די פאַרשוינען האָבן אינצווישן געמאַכט זיך באַקוועם און אונטערגעלעגט דאָס האַרץ. דער בעל־עגלה לאָזט די פערד גוט אָנפאַשן. און ער אַליין איז דאָך אויך הונגעריק, עסט בניחותא און אײַלט זיך נישט בעת די פאַרשוינען האָבן שוין אָפּגעגעסן און ווילן וואָס שנעלער אָפּ־פאָרן. דער פורמאַן עסט אָבער נישט כאַפּ־לאַפּ. ער האָט צייט און ענטפערט זיי רואיק און קורץ: ״געפּאַשעט איז געפאָרן״ [49], אַזוי צו זאָגן: אויב די פערד וועלן זײַן אָנגעזעטיקט און אויסגערוט, וועלן זיי גיכער פאָרן. ער רעכנט זיך ניט מיט דער תרעומת פון זײַנע פאַרשוינען.

דער בעל־עגלה איז בכלל אַ גרויסער תקיף און די פאַר־שוינען זײַנען בײַ אים ״כחומר ביד היוצר״. דאָס שפּריכוואָרט פאַרטײַטשט דאָס איראָניש: ״כי הנה כחומר ביד היוצר — ווי דער פאַרשוין בײַם בעל־עגלה אין דער האַנט״ [50]. ער טוט מיט זײַנע פאַרשוינען וואָס פאָרן מיט אים ווי ער וויל, און: ״ווי דער בעל־עגלה וויל אַזוי דרייט ער מיטן דישעל״ [51]. ״ער דרייט מיטן דישעל״ — דאָס הייסט ער רעכנט זיך נישט מיט די פאַרשוינען און קערעוועט דעם וואָגן ווי עס פאַרגלוסט זיך אים... וואָס פאַר אַ ברירה האָבן דען די פאַרשוינען? כדי זיך ״נוקם זיין״ אין דעם בעל־עגלה, ענטפערט דאָס שפּריכוואָרט איראָניש: ״אַז מען וויל אָפּטאָן דעם בעל־עגלה אַ שפּיצל, גייט מען בײַם וואָגן צופוס״ [52].

גרופּע ב׳ — שפּריכווערטער וועגן מסחר און סוחרים

1) דער מסחר אין דאָרף און אַנדערע פּרנסות פונעם דאָרפס־ייִד (שענקערײַ, פּאַכטערײַ, קליינהאַנדל)

וועגן די פּרנסות פונעם דאָרפס־ייִד און זײַן אָפּהענגיקייט אינעם פּריץ און אינעם פויער דעם שיכור, ווערט גערעדט דירעקט אָדער בעקיפין אין 29 שפּריכווערטער (שטיכווערטער: שענקער — 8, פּאַכטער — 7, פּריץ — 8, פויער — 6). דער פּאַכטער, דער שענקער, דער קרעטשמער, דער אָפּקויפער פון דער פעלד־פּראָדוקציע בײַם פּריץ, א.אַ. — זיי אַלע ציטערן פאַרן פּריץ, ווײַל זיי אַלע זײַנען אָפּהענגיק פון אים מיט זייער פּרנסה. דערפאַר איז נישט קיין וואונדער, אַז דער ייִד שטייט פאַרן פּריץ מיט הכנעה און חנפעט אים, הגם דאָס פועלט נישט. דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: ״איך בין מיט דעם פּריץ ׳אדרבא ואדרבא׳, נאָר דער פּריץ איז מיט מיר ׳קידער־ווידער׳״[53]. ״אדרבא ואדרבא״ הייסט: איך בין מיט אים זייער גוט. ״קידער־ווידער״ — דער פּריץ ברוגזט זיך אויף מיר. דער מיין פון קידער־ווידער איז, ווײַזט אויס, ״כי דור ודור״ אַזוי ווי דער אַלטער דור פאַרטראָגט זיך נישט מיטן יונגן דור — צווישן זיי זײַנען תמיד פאַראַן רײַבונגען און סכסוכים.

דער ייִד מוז תמיד שלום־מאַכן מיט די קאַפּריזן (און אָפט אויך מיטן רשעות) פונעם פּריץ און אַלץ ליידן פון אים. ער וואָגט נישט אַפילו צו בעטן אויף זײַן מפּלה: ״אויף אַ שלעכטן פּריץ טאָר מען קיין מפּלה ניט בעטן״[54], טאָמער וועט קומען אַ נײַער פּריץ, וואָס וועט זײַן ערגער פון אים.

ווען אַ ייִד גייט אַרײַן אין אַ הויף פון פּריץ, האָט ער מורא נישט נאָר פאַרן פּריץ אַליין. נאָך איידער ער קומט אַרײַן צום פּריץ, גייט אים אַרויס די נשמה, באַלד ווי ער דערזעט דעם פּריצעס הינט, וואָס בילן אויף אים, ווײַל: "ווי דער פּריץ אַזוי זײַנען זײַנע הינט און זײַן געזינד"[55], נאָר דער ייִד האָט קיין ברירה, ער דאַרף דאָך זאָרגן פאַר פּרנסה, פאַר זיין פרוי און קינדער, און ער שטעלט זיך איין און גייט אַרײַן אין דעם הויף. אגב, דער ייִד שטוינט ממש ווי אַזוי דער פּריץ באַשעפּטיקט זיך (לויט זײַן מיינונג) מיט נאַרישקייטן, ווי הינט און פערד (און האָט נישט צו טאָן מיט דער משפּחה). ער איז דערמיט פאַרנומען ראשו ורובו. דער ייִד זעט דאַרין אַ משונהדיקן סדר־עולם: "אַ פּריץ האָט אין זין די פערד און הינט, אַ ייִד האָט אין זין ווײַב און קינד" [56]. אין דעם שפּריכוואָרט איז דאָ נישט ווייניק קנאה. עד איז מקנא דעם פּריץ, וואָס איז פרײַ פון פּרנסה־זאָרגן. פון דער אַנדערער זײַט איז דאָ פאַראַן אַביסל שפּאָט, אַזוי צו זאָגן: וואָס איז דען ווערט אַ הונט אָדער פערד אין פאַרגלײַך צו אַ פרוי און קינדערלעך... אָבער דער פּריץ אַליין איז נאָך ניט די גאַנצע צרה. דער ייִד איז אָפּהענגיק אויך פון דעם פּריצעס העלפערס, פון די פּאָדפּאַנעס, וואָס באַדינען אים. זיי, "די פּאָדפּאַנעס זײַנען ערגער פון די פּאַנעס אַליין" [57], זיי לאָזן גאָר ניט איבערטרעטן די שוועל פונעם הויף. און ווען ס'האָט שוין דעם ייִד געשפּילט דאָס גליק און ער איז אַריינגעקומען אין הויף ביז צו דער שוועל פונעם פּריץ, שטייט דאָרט דעם פּריצעס לאָקיי און לאָזט אים נישט אַרײַן מיט פאַרשידענע אויסריידן. דאָס שפּריכוואָרט זאָגט אַזוי: "אַז גאָט העלפט מען לאָזט שוין אין הויף אַריין, זאָגט דער לאָקיי: פּאַן יע, פּאַן ספּי, פּאַן גאַשטשי מאַ, פּאַן ניעמאַ טשאַסו" [58]. ייִדיש: דער פּריץ עסט, דער פּריץ שלאָפט, דער

פריץ האָט געסט, דער פריץ האָט ניט קיין צײַט.

בדרך כלל איז דער ייִד נישט קיין גרויסער קענער פונעם פריצעס שפּראַך, נאָר ווען דער ייִד קען שוין פויליש, נוצט אים דאָס ניט. דערפאַר באַקלאָגט זיך דער פעדלער, וואָס וואַנדערט דאָרף־איין־דאָרף־אויס מיט זיין אָרעמען ביסל סחורה: "וואָס קומט מיר אַרויס פון מײַן פויליש רעדן, אַז מען לאָזט מיך אין דעם הויף ניט אַרײַן" [59].

און ווען דער ייִד האָט אין אַ מזלדיקער שעה איבערגעקומען אַלע שוועריקייטן און דער פריץ האָט אים געגעבן אין פּאַכט, אין אַרענדע, די פאַרם, האָט איבער אים נאָך געשוועבט דער פחד און די סכנה אַז זײַן ייִדישער קאָנקורענט וועט קאַליע מאַכן דאָס געשעפט. אָפט האָט דער קאָנקורענט געטשאַטעוועט און געזוכט אַן אויסרייד, ווי אַזוי אויסצודינגען די אַרענדע. אַן אָפּקלאַנג פון אַזאַ מסוכנדיקן צושטאַנד הערן מיר אינעם שפּריכוואָרט "וואו קומט 'אתה הראית' צו דער אַרענדע" [60]. איגנאַץ בערנשטיין דערציילט דערבײַ אַ מעשה שהיה: שמחת תורה האָט אַן אַרענדאַר אויסגעקויפט "אתה הראית" בײַ אַן אַנדערן ייִד, האָט זיך יענער נוקם־געווען און האָט אויסגעדינגען די אַרענדע בײַם פריץ. האָט דער ייִד זיך באַקלאָגט: וואו קומט דאָס אויסקויפן אַ כיבוד אין שול צום אַוועקנעמען די פרנסה? וואו קומט איינס צום אַנדערן?! אגב, די ווילדע קאָנקורענץ צווישן ייִדן איז געווען אַ שווערע פּראָבלעם מיט וועלכער די רבנים און פרנסים האָבן זיך געמוזט אָפט באַשעפטיקן. זיי האָבן געפונען אַ הלכה אין מסכת קידושין (נט, א) וואו דער ענין ווערט ברייט באַהאַנדלט. אַזוי פירט אונדז דאָס קורצע ווערטל אַרײַן אין תוך פון אַ שווערער פּראָבלעם אין ייִדישן לעבן.

וואָס זײַנען געווען די היסטאָרישע סיבות, וואָס האָבן גע־

צוואונגען דעם ייִדישן ציבור צו פאַרנעמען זיך מיט די ביטערע פּרנסות ווי אַרענדע און שענקערײַ? דער היסטאָרי־קער פון פוילישן ייִדנטום ד"ר נ. מ. געלבער גיט איבער פּרטים וועגן דער עקאָנאָמיש־סאָציאַלער לאַגע אין דעם צווייט־גרויסן צענטער פון די ייִדן אין אייראָפּע — אין גאַליציע. פאַר דער צעטיילונג פון פוילן צווישן אירע שכנותדיקע לענדער: רוס־לאַנד, דײַטשלאַנד און עסטרײַך אין יאָר 1772, איז גאַליציע געווען אַ טייל פון פוילן. נאָך דער אַנעקסיע פון דרום־פוילן דורך עסטרײַך, האָט עסטרײַך אָנגערופן דעם אַנעקסירטן שטח מיטן נאָמען "גאַליציע". און וואָס דערציילט אונדז ד"ר געלבער? — "בשעת דער אַנעקסיע פון גאַליציע האָבן דאָרט געלעבט 224,981 ייִדן, בערך 9.6% פון דער באַפעלקערונג. זיי האָבן געוואוינט אין 187 שטעט, 93 שטעטלעך און 5467 דערפער און גיטער. דער דאָזיקער גרויסער קיבוץ פון ייִדן האָט געהאַט אַ באַשטימטן באַרופלעך־סאָציאַלן כאַראַקטער מיט אַ סטאַבילער צורה, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט אין פוילישן קעניגרײַך: אין די דערפער זײַנען ייִדן געווען אַרענ־דאַרן פון די גוטבאַזיצערס — די שליאַכטע — און געהאַנדלט מיט זייערע פּראָדוקטן. אין די שטעט — ווייניקע גרויסע סוחרים, און די מערהייט קליינהענדלער און פעדלער און אַ גרעסערע צאָל בעלי־מלאכות" [61]. באַזונדערס וואָרפט זיך אין די אויגן די גרויסע צאָל דערפער אין וועלכע ייִדן האָבן געלעבט, אַזש 5467! דאָס זאָגט אונדז "דרשני". אַ נאָך קלאָרער בילד פון דער ייִדישער עקאָנאָמיש־סאָציאַלער לאַגע אין מזרח־אייראָפּע גיט אונדז דער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. וועגן דעם רוב ייִדן אין מזרח־אייראָפּע וואָס האָבן געלעבט אין רוסלאַנד, זאָגט ער: "דער ביטערער קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָט געצוואונגען דעם ייִד זיך צו אָנכאַפּן אין יעדן מין

געשעפטל, וואָס די נאָך רווחים־גיריקע שליאַכטע האָט אים נאָר פאַרגעלייגט. אין יענער צײַט צעבליט זיך בײַ ייִדן דאָס מסחר פון משקאות, וואָס באַזירט זיך אויף דער "פּראָפּינאַציע" אָדער אויף ווײַן־מאָנאָפּאָל פון דער שליאַכטע. דאָס הייסט אַז די שליאַכטע האָט געהאַט דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו טרײַבן בראָנפן אין ברענערייען, צו מאַכן ביר און מעד אין די ברויזן און צו פאַרקויפן די משקאות אין די שענקען — — — די פאַנעס האָבן נישט געוואָלט אַליין זיך פאַרנעמען מיט אָט דעם מין געשעפטן, און זיי האָבן זיי אָפּגעגעבן אין אַרענדע צו ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אין די דאָרפישע גיטער און אין די שטאָטישע ישובים. אַ סך שטעט און שטעטלעך אין פּוילן האָבן געהערט צו פּוילישע מאַגנאַטן, דאָס אייגענע האָבן געטאָן די קעניגן אין זייערע קיניגלעכע שטעט. זינט דער צווייטער העלפט 17־טן יאָרהונדערט איז שענקערײַ געוואָרן דער הויפּט־אָפּצווײַג פון ייִדישן האַנדל אין שטעטלעך, וואָרעם פון אַנדערע פּרנסות זײַנען ייִדן כסדר אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון די מאַגיסטראַטן און די צעכן פון די האַנטווערקערס. מע לאָזט ייִדן איבער צו האַלטן אַכסניות און קרעטשמעס אויף שליאַכן און טראַקטן, און דאָרט גייט אַ לעבעדיקער האַנדל מיט בראָנפן. אַזוי אַרום ווערט דאָס סאַמע ניכטערע פאָלק צוגעפּעסטיקט צו אַ שיכורער פּרנסה, וואָס שפּרייט זיך זייער שטאַרק אויס איבער גאַנץ פּוילן, באַזונדערס אָבער אין די רוסיש־אוקראַיִנישע פּראָווינצן. פון יענער צײַט אָן שפּילט בײַ ייִדן די הויפּט־ראָלע דאָס משקאות־געשעפט, — — — דאָס ווערט אַ "פּאַרהאַסטע פּריווילעגיע וואָס ווערט אָנגעוואָרפן ייִדן אינעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ" [62]. אַזוי זעען מיר אַז די ייִדן, באין ברירה, האָבן זיך געמוזט פאַרנעמען מיט דער ביטערער פּרנסה: האַנדל מיט דעם "ביטערן טראָפּן".

ווי ביטער עס איז געווען דאָס טאָגטעגלעכע לעבן פונעם שענקער, קענען מיר לייענען אויך אין אונדזער ליטעראַטור. איך וועל דאָ ברענגען אַ קורצן ציטאַט פון ביאַליקס פּאָעמע "מײַן טאַטע". ביאַליקס טאַטע האָט, כידוע, מפרנס־געווען די משפּחה מיט שענקערײַ. ביאַליק, זײַענדיק נאָך אַ קליין קינד, האָט געזען זײַן פאָטערס פּײַן אין שענק צווישן די שיכורע פּויערים. אין די קינדהייט־זכרונות גיט דער פּאָעט איבער דעם רושם וואָס האָט זיך אײַנגעקריצט אין זײַן יונגן מוח. ער דערציילט: — — — "אין אַ מסיבה פון שיכורים, אין דער טומאה פון אַ שענקשטוב, אין דאַמף פון בראַנפן בילִיקן, אין נעפּלען לולקע־רויך — אַהינטער בראַנפן־פעסלעך, אײַנגעבויגן אויף אַן אַלטן ספר, האָט זיך אַנטפּלעקט צו מיר מײַן טאַטנס קאָפּ, אַ קאָפּ פון אַ פּאַרפּײַניקטן, ווי אָפּגעשניטן פון די פּלייצעס, אומגעשוואומען אין דעם וואָלקן־רויך. דאָס פּנים — אויסגעקרומט פון צער, די אויגן — פּליסנדיק מיט בלוט. איך שטיי צווישן זײַנע קני, די אויגן מײַנע אָנגעהאָנגען אויף זײַנע ליפּן; שיכורים טומלען, קײַקלען זיך אין זייער מייקעכץ. די פּרצוף־פּנימער צעפלאַמט, און שטראָמען שמוץ — די מײַלער — עס האָבן אָזש די ווענט און פענסטער זיך געשעמט דאָס אויסהערן. — — — טאָג־איין־טאָג־אויס אויף פּײַן, טאָג־איין־טאָג־אויס אין לייבנגרוב, און ווען ער קומט בײַנאַכט צו זיך אין חדר, דורכגעווייקט אין שמוץ, ווי פון אַ מיאוסן זומפּ אַרויס־געשלעפּט, ביז טיף אין דער נשמה — האָט ס'האַרץ געוויינט מיר אויף זײַן צער, זײַן פּײַן האָט מיך באַצוואונגען" [63].

די פאַקטן וואָס עס האָבן אונדז איבערגעגעבן די אויבנ־דערמאָנטע היסטאָריקערס און די ציטאַטן פון ביאַליקס פּאָעמע זײַנען געבראַכט געוואָרן, כדי מיר זאָלן באַנעמען די טרויעריקע ווירקלעכקייט פון דער מערהייט פון ייִדישן פאָלק וואָס האָט

געלעבט אין מזרח־אייראָפּע. איצט וועלן מיר קענען גענויער באַנעמען די שפּריכווערטער, וואָס זייער מקור איז געווען אַזאַווירקלעכקייט. פון די אויספּירלעכע ציטאַטן קומען מיר צום שפּריכוואָרט וואָס גיט אונדז איבער מיט ווייניק ווערטער, באַדײַטונגסרײַכע ווערטער, אויף אַ קאָנצענטרירטן אופן, דעם דורות־לאַנגן באַשטאַנד און שטאַנד פון די מאַסן פון ייִדישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע, זינט אומגעפער די העלפט פון 17־טן יאָרהונדערט (זע דובנאָוו), ביז שפּעט אין דער צווייטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט. די אָ שפּריכווערטער זײַנען פאַרבליבן אין מויל פון פאָלק צוליב זייערע פּאָעטישע אייגנשאַפטן און אינהאַלטס־רײַכקייט — אַזוי ביזן הײַנטיקן טאָג, בײַ ייִדיש־רעדנדיקע.

(זע אויך הוספה ד׳).

2) דער דאָרפס־ייִד און זײַן סביבה

ביז אַהער האָבן מיר געזען די פאַרהעלטעניש צווישן דאָרפס־ייִד און דעם פּריץ. איצט וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיט דעם דירעקטן "פּרנסה־געבער" פונעם דאָרפס־ייִד — דעם פּויער. ביַים סיום פון פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר ציטירט פון ביאַליקס זכרונות־פּאָעמע "דער טאַטע". דער פּאָעט מיט זײַן גרויסן טאַלאַנט, באַוועגט דעם לייענערס חושים — אַלע חושים. דער לייענער זעט די שענקשטוב, איר אויסזען מיט אַלע אירע פּרטים, צוזאַמען מיט דער "באַפעלקערונג". ער פילט דעם טעם פון ביליקן בראַנפן, זײַנע נאָזלעכער פאַרנעמען דעם בראַנפן־דופט און דעם לולקע־רויך, זײַנע אויערן הערן דעם שטראָם פון די שמוציקע ווערטער פון די פּויערים. אַפילו דער חוש המישוש פעלט ניט. צוזאַמען מיטן קינד חיים־נחמן פילן מיר די פאַטערלעכע קני אין וואָס דאָס קינד האַלט זיך אָן. אונדזער פאַנטאַזיע גיט אונדז אַ פול, אָבער גאַנץ טרויעריק בילד, און אונדזער האַרץ און מוח רעאַגירן אויך...

אין המשך לאָמיר באַטראַכטן די שפּריכווערטער אין דעם ענין. דער ייִד זאָגט שפּאַסיק־שפּאָטיש "אַז אַ פּויער קומט אין אַן אַפּטייק אַרײַן באַקומט דער אַפּטייקער דעם קאַטאַר"[64] (פון דעם שלעכטן ריח פון דעם פּויער). אַזוי טוט דער ייִד אויסלאַכן די "געזעלשאַפט", די סביבה, אין וועלכער ער מוז לעבן. אייגנטלעך איז דאָס "אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס". דערפון ווערט אָבער דעם ייִד לײַכטער אויפן האַרץ, ווייל אַזוי ווירקט דאָך דער הומאָר. פאַרוואָס דערציילט אונדז דאָס שפּריכוואָרט דווקא וועגן אַ פּויער, וואָס קומט אין אַן אַפּטייק?

זעט אויס, אַז כדי בולט צו מאַכן דעם קעגנזאַץ צווישן דער אַפּטייק, דער סימבאָל פון זויבערקייט, קעגנאיבער דעם שמוציקן פּויער, וואָס זיין עיפּוש פּילט מען פונדערווײַטנס, עד כדי כך, אַז דער אַפּטייקער באַקומט דעם קאַטאַר...

דער פּויער איז בכלל זייער אַ פּרימיטיווער מענטש און מען וויצלט זיך אויף זיין חשבון: "וואָס טויג דעם פּויער אַ זייגערל, אַז ער קען עס ניט אָנדרייען" [65] — ער פאַרשטייט ניט די "טעכניק" פון אַ זייגערל. נאָכמער: זײַנע חושים פון טעם און ריח זײַנען אויך טעמפּ. און דער ייִד פרעגט: "וואָס פאַרשטייט אַ פּויער פון זאַפראַן" [66]. און על אף הכל מוז מען זיך באַגיין מיט אָט דעם פּויער ווי מיט אַ ווייך איי, און אַפילו זאָרגן פאַר זײַן אונטערהאַלטונג, ווײַל "פון פּרנסה וועגן מוז מען טאַנצן מיט מאַטשעק לעבן" [67]. דאָס שפּריכוואָרט איז מדקדק, נישט סתם מיטן פּויער מאַטשעק, נאָר מיט "מאַטשעק לעבן". דעם פּרימיטיוון מאַטשעק גיט מען צו אַ חנדל־וואָרט "שיחיה", ווײַל מען וויל אַז ער זאָל קומען טרינקען אַ גלעזל משקה. אָן דעם "מאַטשעק לעבן" איז דאָך קיין פּרנסה נישטאָ... מען מוז אים אויך "ליב האָבן" — "דער שענקער האָט ליב דעם שיכור" [68], ווײַל טאָמער, חס־ושלום, דער "שיכור איז געשטאָרבן, דער שענקער איז פאַרדאָרבן" (זע באמ' 20). אויב דער שיכור, דער גוטער קונה, קומט ניט אַרײַן, ווירקט זיך דאָס אויס זײַער שלעכט אויף דער פּרנסה פונעם שענקער. די ווערטער "געשטאָרבן—פאַרדאָרבן" מיט זײַער גראַם זײַנען בלויז מעטאַפאָרן. איז טאַקע נישט קיין וואונדער וואָס אין אַזאַ פּריקרער לאַגע, ווען דער ייִד, דער שענקער, געפינט זיך טאָג־איין טאָג־אויס צווישן דער דאָזיקער פּויערים־געזעלשאַפט, מוז ער שטיין אויף דער העכסטער שטופע פון מענטשלעכע מידות־מעלות כדי צו קענען צופרידנשטעלן זײַנע "פּרנסה־געבער". אַ שפּריכ־

וואָרט אין דעם ענין באַצייכנט די דאָזיקע מעלות קורץ, מיט פּשוטע ווערטער: "אַ רענדער באַדאַרף צו האָבן אין זיך די מעלות פון אברהם אבינו און פון משה רבנו"[69], באַנוצנדיק זיך מיט דער ייִדישער טראַדיציע וועגן די צוויי גרעסטע ייִדישע נאַציאָנאַלע געשטאַלטן. בערנשטיין באַמערקט: "ער מוז זײַן אַ מכניס אורחים ווי אברהם אבינו און אַן עניו פאַר די געסט ווי משה רבנו" אויף אים זאָגט די תורה: "והאיש משה עניו מאד" ומי לנו גדול פון אברהם אבינו מיט דער מידה פון מענטשן־ליבע, וואָס האָט געוואַגט מתווכח־זיין מיטן רבונו־של־עולם אַליין און בעטן רחמים אויף די סדומער רשעים, און משה רבנו, דער גיבור, וואָס האָט געטראָגן אויף זײַנע פּלייצעס די לאַסט פון ווידערשפּעניקן פאָלק, און ווען ער האָט זיך שוין באַנוצט מיטן וואָרט "אנכי", האָט ער געזאָגט: "מי אנכי, כי אלך אל פרעה..." — אָט די אַלע גרויסע מעלות פון אברהם אבינו און משה רבנו, פון זיי ביידע, האָט ער געדאַרפט "האָבן אין זיך" דער נעבעכדיקער אַרענדאַר, כדי צו קענען באַשטיין קעגן זײַנע "ליבע" געסט. "האָבן אין זיך" הייסט — זײַן געבוירן מיט די אַלע מעלות...

אָבער נישט תמיד געשיקט זיך דאָס. נישט תמיד קען זײַן דער אַרענדאַר אַ צדיק... די דערדריקנדע עקאָנאָמישע לאַגע צוזאַמען מיט דער לאַסט פון טאָגטעגלעכן לעבן צווישן די פּויערים, האָט אָפט געהאַט אַ שלעכטע השפּעה אויף די מידות פונעם דאָרפס־ייִד.

דאָס קורצע שפּריכוואָרט דריקט זיך אויס מיט אַ פּשוט אָבער צווייִדײַטיק וואָרט, וואָס כאַראַקטעריזירט דאָס באַנעמען זיך פונעם שענקער אין זײַן האַנדל. "דער שענקער לעבט פונעם אויבערשטן"[70]. פּשוט הייסט עס: ער לעבט פון גאָטס גאָב. אַזוי ווי מען זאָגט: דער אויבערשטער וועט העלפן (גאָט

וועט געבן). אין דעם וואָרט "איבערשטער" שטעקט אָבער דער עוקץ — דאָ באַטייט דאָס וואָרט "איבערשטער" עפּעס גאַנץ אַנדערש, וואָס מוז אונדז איבעראַשן. עס האַנדלט זיך נישט אין דעם איבערשטן אין הימל, עס האַנדלט זיך אין אָפּנאַרן דעם קונה, דעם שיכור. דאָ אַנטפּלעקט זי די צווייִ־דייַטיקייט פון דעם "איבערשטן", וואָס באַטייט דעם איי־בערשטן טייל פונעם כוס. דער שענקער פאַרלאָזט זיך ניט אויף חסדי שמיים, נאָר ער לעבט פון אָפּנאַרן דעם שיכור, פון געבן אים אַ נישט פולע מאָס, נישט אָנפולנדיק ווי געהעריק דאָס גלעזל משקה... אַזויאַרום פאַרגרעסערט ער זייַנע רווחים. און פון דעם לעבט ער, פון דעם האָט ער פרנסה. אָפּהילכן פון דעם צושטאַנד געפינען מיר אין "שבחי הבעש"ט" [71], און אַ צווייטע לעגענדע וועגן דעם ענין איז דאָ אין דעם לעצטנס־דערשינענעם בוך פון י. ח. בילעצקי "דרייַ לעגענדאַרע גע־שטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור" [72]. (זע הוספה ד').

די צוריקגעשטאַנענע סביבה האָט משפיע געווען נישט בלויז מאָראַליש, נאָר אויך אין גייסטיקן זין. דער דאָרפס־ייִד איז אין אַלגעמיין געווען באַקאַנט ווי אַן עם־הארץ (מ'דאַרף באַ־צייכענען, אַז עס זייַנען געווען אויך דאָרפס־ייִדן תלמידי חכמים), וואָס קען נישט "די דראָבנע אותיות", נאָר אויך אָפט אָריענטירט ער זיך נישט אין סדר התפילות אָדער אין קריאת התורה. עס האָט טאַקע פּאַסירט, אַז די שטעטישע, באַזונדערס די לצים, האָבן זיך אויסגעלאַכט פון זיי. דאָס באַווייַזט אונדז אַ שאַרפזיניק שפּריכוואָרט "אַז מען איז מכבד אַ רענדאַר מיט הגבהה, זאָגט ער, ער איז הייזעריק" [73]. ווי קומט הגבהה צו הייזעריקייט ? אויך אין דעם שפּריכוואָרט איז דאָ דער מאָמענט פון איבעראַשונג. ווען מען איז מכבד דעם אַרענדאַר מיט הגבהה, ווייסט ער נישט, אַז ער דאַרף פּשוט בלויז אויפהייבן

דעם ספר תורה. ער האָט מורא אַז מען דאַרף מאַכן אַ ברכה, אָדער גאָר עפּעס לייענען פון סידורל — און ער איז נעבעך "געשלאָגן אויף דער עברי", וועט ער זיך פאַרשעמען בפני קהל ועדה, זאָגט ער דעם תירוץ און פאַלט אַרײַן — ווײַל זיין תירוץ איז מבליט זיין אמתדיקע עם־הארצישקייט און דערמיט האָט ער זיך ערשט שטאַרק לעכערלעך געמאַכט...

היוצא לנו מדברינו: מיר האָבן שוין פריער באַצייכנט און מיר קענען אויך דאָ איבערחזרן — אויך לגבי דעם דאָרפס־ייִד און זיין עקאָנאָמיש־געזעלשאַפטלעך לעבן, גיבן אונדז די שפּריכווערטער אַ רעאַליסטיש, פילפאַרביק בילד פון זײַנע פּראָבלעמען און לעבנס־שטייגער אין יענע צייטן.

3) שטאָטישער האַנדל

פון די שפּריכווערטער וועגן די פּרנסות פון די ייִדן אין דאָרף און זייער לעבנס־שטייגער אין די דערמאָנטע היסטאָרישע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען — די שפּריכ־ווערטער וואָס זײַנען דורכאויס ייִדיש נישט בלויז שפּראַכלעך, נאָר אויך לויט זייער אינהאַלט און פאָרם — קומען מיר צום שטאָטישן מסחר.

אין שייכות צום שטעטישן מסחר איז פאַראַן די מעגלעכקייט פון אַן אַנדערן צושטאַנד ווי דער מסחר פון די דאָרפס־ייִדן, וואָס האָט זיך בעיקר באַגרענעצט אין שענקערײַ און אַרענדעס. אין פּרינציפּ איז דאָך האַנדל פאַר זיך אַליין אַ באַשעפטיקונג, וואָס עקזיסטירט אין אַלע צייטן און אין אַלע לענדער. אין דער תקופה אָבער אין וועלכער מיר זײַנען דאָ עוסק אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, איז דער מסחר און דער פאַר־טיילונגס־האַנדל צווישן דאָרף און שטאָט געווען אַ ספּעציפיש ייִדישער באַרוף, אָפּט אַפילו אויסשליסלעך אין ייִדישע הענט.

ווי אַזוי שפּיגלט זיך דאָס אָפּ אין די ייִדישע שפּריכווערטער (לויט דער זאַמלונג פון א. בערנשטיין)? דאָ איז כדאי צו דערמאָנען:

א) די טעמע „מסחר" איז רעפּרעזענטירט בײַ בערנשטיין דורך אַ זייער גרויסער צאָל שפּריכווערטער (155). כמעט אַ טאָפּלטע צאָל אין פאַרגלייך מיט דער טעמע „אַרבעט און מלאכה". דאָס אַליין איז שוין מרמז וועגן דעם אָרט און דער וויכטיקייט פון מסחר אין לעבן פון ייִדישן ציבור.

ב) די כאַראַקטעריסטישע יסודות פונעם שפּריכוואָרט (ווי

פאַרגלייכונגען, מעטאַפאָרן א.אַ.), זײַנען אויך אין שטעטישן מסחר הויפּטזעכלעך ריין ייִדיש. לגבי דעם אינהאַלט האָט ער אין זיך די ייִדישע אייגנאַרטיקייט פונעם נאַציאָנאַל־ייִדישן "איד", גענוי ווי אין די אַנדערע שפּריכווערטער וואָס מיר האָבן ציטירט אויבן.

דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער גרופּע שפּריכווערטער

די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דער דאָזיקער גרופּע שפּריכ־ווערטער זײַנען: אַלגעמיינע כללים און עצות אין האַנדל, אָנווייזונגען פאַר סוחרים און קונים ווי אַזוי צו האַנדלען. צום בײַשפּיל: די עצה פאַר דעם תבואה־סוחר ער זאָל נזהר זיין אין זײַנע געשעפטן. מען קען דאָך ניט וויסן, ווען מען קויפט די תבואה, וואָס פאַראַ נאַטור־פּגעים וועלן זײַן ביז צום שניט. אָדער, ווען די סחורה ווערט געשיקט אין חוץ־לארץ, איז שווער פאָרויס צו וויסן ווי די תבואה־בערזע וועט זיך שטעלן. דערפאַר וואָרנט דאָס שפּריכוואָרט: "תבואה־האַנדל איז אַ קאָרטן־שפּיל" [74], בײדע זײַנען געוואָגטע ריזיק־געשעפטן.

אַן אַנדער שפּריכוואָרט: "די בעסטע סחורה אין דער וועלט איז מזומן געלט" [75]. ווען עס פּאַסירט אַז דעם סוחר פעלט סחורה אין זיין קראָם — פאַר מזומנים וועט ער תמיד באַקומען די נייטיקע סחורה. אין ערגסטן פאַל באַצאָלט מען אַ העכערן פרייז און מען באַקומט וואָס מען באַדאַרף. עס איז דאָך גוט באַקאַנט אַז "טײַערע סחורה וואַקסט פון דער ערד אַרויס" [76], און דער עיקר איז אַז די קראָם זאָל ניט בלײַבן אָן סחורה. דער סוחר ווייסט אַז: "די ערגסטע סחורה איז 'לא'" [77]. ד.ה. אַז עס קומט אַ קונה און פרעגט אויף עפּעס אַ סחורה, טאָר

דער סוחר נישט ענטפערן: לאָ, איך האָב עס נישט. ווייל דערמיט פאַרטרײַבט ער זײַנע קונים.

און נאָך אַ כלל: אַ סוחר דאַרף זײַן געדולדיק און וויסן אַז נישט יעדער וואָס קומט אַרײַן אין קראָם קויפט. "צען דינגען און נאָר איינער קויפט" [78]. נאָך אַן עצה פאַר דעם סוחר: ער מוז זיין זייער פאַרזיכטיק בײַם איינקויפן סחורה. אַ סוחר טאָר ניט יאָגן זיך און האַנדלען אָן שיקול-דעת: "לויפן און קויפן טויג ניט" [79], "אַרײַן איז אַלעמאָל גרינגער ווי אַרויס" [80], און ער דאַרף געדענקען אַז "אין אַ ברייטער טיר אַרײַן, אין אַ שמאָלער אַרויס" [81], דאָס הייסט צו מאַכן אַן עיסקא איז די טיר ברייט אָפן, אָבער צוריקציען זיך און מבטל מאַכן די עיסקא איז שווער. חוץ דעם, אויב האָסט געמאַכט אַ געשעפט, איז נישט בכבודיק חרטה צו האָבן. דער כלל איז: "חרטה האָבן איז נישט מעשה-סוחר" [82], ווײַל "צוריק גייט מען נאָר בײַ שמונה-עשרה" (אָדער בײַ "עושה-שלום") [83]; ווען מען גייט אויס די שמונה-עשרה, זאָגנדיק "עושה שלום במרומיו" וכו' גייט מען דרײַ שריט צוריק. נאָך עפּעס: אַ סוחר דאַרף נישט לויפן נאָך גרויסע רווחים, פאַרנאַכלעסנדיק די נאָענטע קליינע רווחים. עס איז "בעסער אַ נאָענטער גראָשן איידער אַ ווײַט קערבל" [84] (לויט: טוב שכן קרוב מאָח רחוק). דער סוחר טאָר נישט זײַן קײַן יקרן, ווײַל די קונים מײַדן אויס זײַן קראָם. ער דאַרף וויסן, אַז "אַלע יקרנים האָבן דעם דלות" [85].

און איצט עצות פאַר דעם קונה ער זאָל נישט כאַפּן קיין מציאות. "וואָס וואָלוול איז טײַער" [86] און נאָך עצהט מען דעם קונה מיט אַ טראָפּן הומאָר: "אַ ייִד טאָר מען ניט געבן דאָס געבאָטענע געלט" [86]*, ווײַל ער וועט האָבן עגמת-נפש פאַרוואָס ער האָט ניט געבאָטן מער.

דער ייִדישער לעבנס־שטייגער לויט די שפּריכווערטער
וואָס באַציִען זיך צו דער טעמע ״מסחר״ (אין שטאָט)
דער לעבנס־שטייגער פון דעם ייִדישן סוחר־שטאַנד

ווי באַוואוסט איז נישטאָ קיין מסחר אָן קרעדיט. לאָמיר־זשע באַטראַכטן אייניקע פון דער גרופּע שפּריכווערטער, וואָס זייער ענין איז קרעדיט (הלוואות, וועקסלען, פּראָצענט און פּראָצענטניקעס, באַנקראָטן). אַ היפּשע צאָל שפּריכווערטער פאַרנעמען זיך מיט דער טעמע (21), פון וועלכע 9 שפּריכווערטער ריידן וועגן באַנקראָט — דאָס איז אַ גאַנץ גרויסע צאָל אין באַצוג צו דער אַלגעמיינער צאָל פון דער טעמע. דערמיט האָבן מיר שוין אַ רמז, אַז דאָס איז אַ מעשה שכיח ביי די סוחרים אין ייִדישן שטעטל. דאָס שפּריכוואָרט דערקלערט עס אַזוי: ״סוף אדם למות, סוף בהמה לשחיטה, סוף סוחר לפליטה, סוף גנב לתליה״ [87]. די ערשטע צוויי טיילן פונעם שפּריכוואָרט קומען פון גמרא, ברכות יז, א [88]. דער מקור פון סוף גנב לתליה איז אין קה״ר ז און אין בן־סירא פ״כ. אַ מענטש, אַ בהמה און אַ גנב האָט מען פּאַראייניקט, און צוגעגעבן צו דער ״געזעלשאַפט״ אויך דעם סוחר, דעם באַנקראָטניק. אין דעם דריי־טייליקן שפּריכוואָרט האָט מען צוגעשפּיליעט דעם פערטן טייל ״סוף סוחר לפליטה״, פליטה = באַנקראָט, אַריינזעצנדיק דעם סוחר, דעם באַנקראָטשיק צווישן דער בהמה און דעם גנב... אַזוי צו זאָגן, געגנוי ווי עס איז נאַטירלעך, אַז סוף אדם למות א.אַ.וו., אַזוי איז עס ״נאַטירלעך״ אַז אַ סוחר מוז באַנקראָטירן... אַ סוחר וואָס זעצט נישט אָן איז אַ זעלטענע,

נישט־נאַטירלעכע זאַך, און — "לא כל אדם זוכה צו שטאַרבן ניט קיין אַנזעצער" [89], לויטן ווערטל פון חז"ל: "לא כל אדם זוכה לשני שולחנות" [90]. דאָס איז אַזוי צו זאָגן מיט אי־ראָניע און אַסאָציאַציע, אַזוי ווי נישט יעדער איז זוכה צו זײַן אַ גדול בתורה און אויך אַן עושר — דאָס איז זייער זעלטן — אַזוי איז זייער זעלטן צו זײַן אַ סוחר און נישט אַנזעצן... אַנ־צוזעצן איז אָבער אויך גאָר נישט קיין אָנגענעמע זאַך, ווײַל עס געשעט "אַז מען זעצט איינעם אַן (געלט), זעצט יענער אויס (די פענצטער)" [91]. דאָס ווערט געזאָגט שפּאַסיק אין וואָרטשפּיל: אַנזעצן און אויסזעצן.

אָבער דער סקאַנדאַל העלפט נישט, ווען עמיצער טענהט: "אין לי! איז פּטור" [92] (וואַריאַנט: איז די בעסטע טענה). בערנשטיין דערקלערט: "ווען איינער טענהט, אַז ער האָט ניט צו באַצאָלן, קען מען אים פון קיין געלט ניט פאַרלאַנגען". אין המשך — אַ ווערטל — אַ הלצה, "אַז מען פויקט, לאָז מען ווײַטער פויקן" [93]. דאָס שטאַמט פון אַן אַנעקדאָט: פּאַרצייטנס, ווען איינער האָט אָנגעזעצט אין אַ קליין שטעטל, פלעגט מען אויספּויקן עפנטלעך. מען דערציילט, אַז אייגער, וואָס האָט געזאָלט באַנקראָטירן, האָט געהערט פּויקן אין זײַן שכנות, האָט ער געמיינט אַז מען מיינט אים. ווי ער האָט געהערט אַז מען מיינט זײַן שכן, האָט ער געהייסן אין איין וועגס ווײַטער פּויקן פאַר זײַן באַנקראָט אויך — דערציילט בערנשטיין.

דער אַנעקדאָט האָט זײַן מקור אין דעם מנהג אין די קליינע שטעטלעך, אַז דער מאַגיסטראַט אָדער די פּאָליציי האָבן געהאַט עפּעס וויכטיקס מודיע צו זײַן דער באַפעלקערונג, האָט אַ שליח פון מאַגיסטראַט געפּויקט אין מאַרק, אין שטאָט־צענטער, אַזוי אַרום האָט מען פאַרזאַמלט די מענטשן און באַקאַנט

געגעבן די געוויסע ידיעה. אויך ווען עמיצער האָט אָנגעזעצט, איז געווען אַ סיבה צו פּויקן.

פון די אויבנציטירטע שפּריכווערטער וועגן באַנקראָט, קען מען אַרויסדרינגען בפירוש דעם מצב פון פּרנסות וואָס האָבן זיך באַזירט אויף מסחר ; זיי זײַנען געשטאַנען אויף "הינערשע" פיסלעך, און די באַנקראָטן זײַנען געווען אַ טאָגטעגלעכע דער־שיינונג.

און איצט — נאָך איין קורצער ציטאָט פון אַ קורצן שפּריכ־וואָרט פון דער גרופּע "מסחר", אין וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך דער ייִדישער לעבנס־שטייגער, קודם כל אין דער שפּראַך : "אין חשון מאַכט מען חשבון" [94]. דער גראַם חשון—חשבון ; דער נאָמען פון חודש חשון באַטײַט אויך, אַז נישט בלויז אין שייכות מיט די יום־טובים האָט מען זיך באַניצט מיט ייִדישן לוח, און אין פאַרבינדונג דערמיט אויך אין די ענינים פון חינוך (די צוויי זמנים — מ׳פלעגט אָנדינגען קינדער אין חדר אויף אַ זמן, ד.ה. פון נאָך סוכות ביז נאָך פּסח, אָדער פון נאָך פּסח ביז צו די ימים־נוראים), נאָר אויך איןווירטשאַפטלעכן לעבן. אין דער אַלגעמיינער ראָם האָט מען זיך געפירט לויטן ייִדישן לוח. עס איז געווען אַ מנהג, אַז די יערלעכע בילאַנסן און אינווענטאַרן האָט מען געמאַכט נאָך סוכות. צום אויבנ־דערמאַנטן שפּריכוואָרט דערקלערט בערנשטיין : "אין חודש חשון, ד.ה. נאָך די יום־טובים, מאַכן די סוחרים געוויינלעך זייער בילאַנס און מעסטן און באַרעכענען די סחורות, וואָס זײַנען זיי געבליבן. אָט דאָס רופן די סוחרים "מדידה מאכן". אַזוי זעען מיר, אַז אַפילו אין אַזאַ קורצן שפּריכוואָרט שפּיגלט זיך אָפּ דער ייִדישער לעבנס־שטייגער, אויך אין ווירטשאַפט־לעכן לעבן.

און נאָך צוויי שפּריכווערטער וואָס זייער אייגנאַרטיקייט

איז אין זייער גראַם. צ.ב. ״אַז מ׳האָט אַ קראָם איז מען ווי לאָם״ [95], לאָם — הינקעדיק. דער מיין איז, אַז מ׳האָט אַ קראָם איז מען ווי צוגעבונדן צו איר און מ׳קען נישט קומען און אַוועקגיין פון דער קראָם ווען מען וויל. ענלעך איז די כוונה אינעם שפּריכוואָרט ״אַ קלייט איז אַ גאָלדענע קייט״ [96]. דער גראַם קלייט—קייט איז ווי אויבן קראָם—לאָם, דאָס איז אַ גאָלדענע קייט אָבער דאָך אַ קייט, מען איז ניט פריי. דער אַדיעקטיוו ״גאָלדענע״ איז מרמז אויף דער פּרנסה וואָס די קלייט גיט.

דער אויספיר איז, אַז אויך אין דער צווייטער גרופּע פון שפּריכווערטער וואָס געהערן צו מיקח-וממכר, און בכלל צו פּרנסות וואָס האָבן אַ שייכות צו מסחר אין שטאָט און אין דאָרף, אַנטפּלעקט זיך דאָס עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די ייִדן און זייער לעבנס-שטייגער.

גרופּע ג׳ — שפּריכוועדטער וועגן כלי־קודש, דערציאונג, עסקנות און אַנדערע פּרנסות

צווישן די דרײַ גרופּעס שפּריכווערטער און רעדנסאַרטן איז די דריטע די צאָלרײַכסטע. דאָס ווײַזט אויף דעם אָרט וואָס די דאָזיקע פּרנסות האָבן פאַרנומען אין יידישן לעבן, און ווי גרויס עס איז געווען דער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פאַרהעלטעניש צו אַנדערע שטאַנדן — דער שטאַנד וואָס זיין פּרנסה איז געווען אויפן חשבון פון דער קהילה, אַלס אירע פונקציאָנערן, ווי רבנים, שוחטים, חזנים א.אַ. חוץ דעם איז געווען אַ גרויסע מחנה פון קבצנים, בטלנים, וועלכע האָבן געלאָסטעט אויפן כלל [97].

אין דער דאָזיקער גרופּע שפּריכווערטער פאַרנעמען דעם אויבן־אָן לויט זייער צאָל די כלי־קודש: רב, רבי פון חסידים, דיין, גוטער־ייִד, בעל־שם, חזן, שוחט און דער מלמד מיטן באַהעלפער, בסך־הכל 109 שפּריכווערטער, כמעט צוויי־דריטל פון דער גאַנצער גרופּע. אויפן צווייטן אָרט זיינען די פּרנסות וואָס האָבן צו טאָן מיט שמחות, צ.ב. אַ בדחן, קלעזמער און אַנדערע; און דערנאָך — קבצנים, בטלנים, און צום סוף — געזעלשאַפטלעכע טוער, עסקנים.

שוין די צאָל־פאַרטיילונג זאָגט אונדז ״דרשני״. די מערהייט דערפון זיינען ריין־ייִדישע באַשעפטיקונגען, רבי פון חסידים, שוחט, בעל־שם, אַ גוטער־ייִד, און דאָס גלייַכן, וואָס זיינען טיפּיש־ייִדישע פּרנסות. מיר הייבן אָן מיט דער צענטראַלער

געשטאַלט אין שטעטל און בײַם ייִדישן ציבור בכלל: דער רב.

דער חלום פֿון יעדער ייִדישער מאַמע איז געווען אַז איר זון זאָל זײַן אַ רב. און שוין אײַנוויגנדיק אים האָט זי געזונגען אַ וויג־ליד: "שלאָף, שלאָף, וועסט זײַן אַ רב" [98]. דעם רבס אויטאָריטעט האָט געשטאַמט פֿון זײַן איבערגעבנקייט מיט לייב און לעבן צום לערנען תורה, ביז ער איז געוואָרן אַ גרויסער בקי אין ש"ס און אין פּוסקים. געוויינלעך, ווען ער האָט געלערנט אין ישיבה, האָט ער אָפּט געהונגערט און געלעבט פֿון "עסן טעג" בײַ די בעלי־בתים. אויך ווען ער האָט שוין זוכה־געווען צו אַ רבנות־שטעלע אין אַ שטעטל, איז זײַן פּרנסה געווען בצמצום. דערפֿאַר האָט מען תמיד געזען דעם רב ווי אַ דאַר־מאָגערער מענטש אין קעגנזאַץ צום כומר, צום גלח, וואָס איז געווען אויסגעפּרעסן מיט אַ גרויסן בויך. איז קיין וואונדער אַז דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: "אַ פּעטער רב און אַ מאָגערער גלח, טויגן ביידע נישט" [99]. דאָס איז נישט נאַטירלעך, דאָס איז נישט קיין נאָרמאַלע דערשײַנונג און ממילא פּאַרדעכטיק. מען האָט צו זיי נישט קיין צוטרוי, טויגן זיי נישט... אָן אַנדער שפּריכוואָרט גיט אָנצוהערן, אַז יעדער דאַרף זיך אויסצייכענען אין זײַן באַרוף. האָט ער אַ סך מלאכות — טויג ניט, ווײַל "אין אַ סך מלאכות זײַנען ווייניק ברכות" [100]. און "אין אַ רב וואָס קען זינגען, און אין אַ חזן וואָס קען לערנען, איז קיין ברכה ניט" [101].

צום רב, כאָטש ער איז די גרעסטע אויטאָריטעט אין שטעטל, באַציט מען זיך מיט אַביסל אומצוטרוי און קריטיק, און מע זאָגט מיט איראָניע: דער רב, דער ראש־העדה, דער נאמן אויף כשרות און דער מלמד, דער דערציער פֿונעם יונגן דור, די אַלע דרײַ זײַנען זייער חשובֿע מענטשן אין דער קהילה, אָבער

"פאַר דרײַ האָט גאָט אָנגעגרייט אַ באַזונדער גן־עדן: פאַר רבנים, נאמנים און מלמדים — נאָר ער שטייט עד היום ליידיק" [102], ווײַל קיינער פון זיי איז נישט ראוי מ׳זאָל אים אַרײַנלאָזן אין גן־עדן.

ווי געזאָגט, דער רב איז געווען אָן שום ספק די גרעסטע אויטאָריטעט אין שטעטל, אָבער די קריטיק פונעם פאָלק האָט אים נישט אויסגעמיטן. ער ווערט קריטיקירט דווקא אין דעם פונקט, וואָס איז דער מקור פון זײַן אויטאָריטעט — ער איז מחמיר פאַר אַנדערע אויפֿן יסוד פון דער הלכה. אָבער ווען דאָס זעלבע איז נוגע אים אַליין, זײַן קעשענע, דעמאָלט איז עפּעס אַנדערש. דאָס שפּריכוואָרט קריטיקירט: "דער רבי מעג" [103], און אַ צווייט שפּריכוואָרט מיטן ענלעכן תוכן איז: "רבי, די קו איז אײַער" [104]. דאָס איז זיך מתיחס צו אַן אַנעקדאָט: פריער האָט דער רב געפּסקנט, אַז שבת טאָר מען נישט אַרויסנעמען די קו פונעם גרוב וואו זי איז אַרײַנגעפאַלן, אָבער ווען מ׳האָט אים געזאָגט: "רבי, די קו איז אײַערע", האָט ער געענדערט זיין מיינונג און האָט געהייסן אַרויסציען די קו פונעם גרוב.

דאָס ווײַטערע שפּריכוואָרט באַצייכנט, מיט הומאָר, אַז ווען עס גייט אין אַ דין אין שולחן־ערוך, האָט דער רב קיין פאָרצוג. זיין חשיבות אין דער קהילה איז נישט משפיע אפילו אין אַ רעליגיעזן ענין ווי דאָוועגען מיט מנין, דער ערך פון שוסטער איז גלײַך צו דעם פון רב. "נײַן רבנים קענען קיין מנין ניט מאַכן, אָבער צען שוסטער יאָ" [105]. דער הומאָריסטישער עוקץ אין דעם שפּריכוואָרט ווערט בולטער דורך קעגנשטעלן כנגד די רבנים — שוסטער. כלפי דעם דין זײַנען די רבנים וואָס שטייען בראש פון דער קהילה גלײַך צו די שוסטער, וואָס זײַנען געווען גערעכנט צו דעם נידעריקסטן שטאַנד. אין

אַלגעמיין קען מען אָבער זאָגן, אַז אין די שפּריכווערטער איז נישטאָ קיין יחס פון זלזול אינעם כבוד פון רבֿ.

אַנדערש זעט אויס די באַציאונג צום רבי פון חסידים. איבער אים מאַכט מען זיך אַביסל לוסטיק און מע רעדט וועגן אים מיט אַ גרינגשעצונג. אַזוי איראָניזירט דאָס שפּריכוואָרט: ״דעם רבינס עסן און דעם פערדס טרינקען קען מען אויסהאַלטן, אָבער דעם רבינס טרינקען און דעם פערדס עסן איז אומ־מעגלעך״ [106]. אַליין דער פאַרגלייַך פון רבין און פערד האָט אין זיך שוין אַ היפּש ביסל זילזול. ווייַל ווען מ׳האָט געוואָלט עמיצן זידלען, אָדער מ׳האָט געוואָלט זאָגן, אַז איינער איז אַ טיפּש, האָט מען געזאָגט: ער איז אַ פערד. אין דעם זעלבן ענין וועגן רבינס טרינקען — אַ צווייט שפּריכוואָרט: ״דער רבי טרינקט אַליין אויס דעם וויַין, און הייסט דערנאָך די אַנדערע זאָלן פריילעך זייַן״ [107].

נאָך שאַרפער ריידן די שפּריכווערטער וועגן דעם ״גוטן־ייִד״. אויף אים זאָגט מען: ״פון וואַנען זאָל אַ ׳גוטער־ייִד׳ וויסן אַז באָרשט איז רויט״ [108], ווייל אַ ״גוטער־ייִד״ איז אַזוי וויַיט פון הוויות העולם, אַז ער ווייסט אַפילו נישט וואָס ער עסט. ער אינטערעסירט זיך נישט מיט זייַן אייגענער משפּחה. דאָס איז די סיבה אַז ״אַ גוטער־ייִד איז אַ שלעכטער מאַן״ [109]. למעשה איז דער ״גוטער־ייִד״ כל־כולו חסרונות ווי אויבן — ער האָט קיין שום מעלות פון כלי־קודש ״ניט דאַווענען, ניט לערנען, און פּאָרט אַ ׳גוטער־ייִד׳״ [110], ד.ה. ער איז נישט קיין בעל־תפילה און נישט קיין למדן. די כוונה איז: פאַר־וואונדערונג און הומאָר: קיין שום מעלות און נאָר חסרונות, און פּאָרט אַ גוטער ייִד. און דאָס בתמיה: מיט וועלכן זכות הייסט ער ״אַ גוטער־ייִד״?

מיט ענלעכע ״מעלות״ איז באַגאַבט דער ״בעל־שם״. דאָ

איז גאָר נישט קיין וואונדער: "אַז דער טאַטע איז אַ בעל־שם איז דער זון אַ גולם" [111]. ווײַל דער בעל־שם איז אויך ווײַט פון הוויות העולם און פאַרנעמט זיך נישט אַפילו מיטן חינוך פון זײַנע קינדער און זאָרגט נישט פאַר זייער דערציאונג — דאָס איז אַ שאַרפער חסרון. מיר ווייסן דאָך ווי ווײַט דער חינוך איז געווען וויכטיק בײַ ייִדן. ס'האָט אָפט געטראָפן אַז אַ ייִד האָט אָוועקגעגעבן דעם ביסן פון מויל, אַבי דאָס קינד זאָל לערנען. אַ צווייטע ווערסיע: פאַרוואָס איז דער זון פון אַ בעל־שם אַ גולם? ווײַל נאָר אַ בעל־שם מאַכט אַ גולם. (דער בעל־שם פון כעלם, אָדער פון פראָג, זײַנען באַקאַנט דערמיט וואָס זיי האָבן געשאַפן אַ גולם).

דער חזן אינעם שפריכוואָרט

ווי מיר זעען האָט דאָס פאָלק נישט געשפּאָרט קיין קריטיק פון די כלי־קודש. די קריטיק האָט זיך געוויינלעך אויסגעדריקט מיט הומאָר און איראָניע ווי: "רבי, די קו איז אײַער". אָדער: "אַ גוטער־ייִד האָט ליב צו נעמען אָבער ניט צו געבן" [112], און נאָך שאַרפער ביחס צום בעל־שם "אַז דער טאַטע איז אַ בעל־שם, איז דער זון אַ גולם". דאָס אַלץ קומט אָבער ניט צו דעם נעגאַטיוון יחס פונעם פאָלק צו דעם חזן. קודם כל איז דער חזן "זוכה" צום נאָמען און באַצייכענונג אַלס נאַר. "אַלע חזנים זײַנען נאַראָנים" [113]. און אַ צווייטע ווערסיע: "אַלע חזנים זײַנען נאַראָנים, אָבער נישט אַלע נאַראָנים זײַנען חזנים" [114] דער חזן פאַרשטייט ניט וואָס עס טוט זיך אַרום אים: "אַז מען וויל נישט דעם חזן, הייסט ער זיך נאָך געבן אַ הוספה" [115]. און ער גיט דער קהילה אַ

גוטן תירוץ פטור צו ווערן פון אים און אָפּזאָגן אים פון זײַן שטעלע.

דער חזן איז אויך נישט אָנגעלייגט אין דער קהילה און עס האָט געהערשט אַ שפּאַנונג צווישן די מתפללים און דעם חזן. דאָס שפּריכוואָרט באַצײַכנט דאָס מיט הומאָר דורך אַ צווייִ־דײַטיק וואָרט "ווייל": "ווייל דער חזן זאָגן 'ברכו', זאָגט קהל יתברך" [116]. "ווייל" הייסט "בשעת" און "דעריבער". בערנשטיין באַמערקט: די אויפשריפט איז געשטאַנען אין די אַלטע סידורים פאַר "ברכו". דאָס פאָלק האָט דערויף געמאַכט דאָס שפּריכ־וואָרט, וואָס דריקט אויס, אַז קהל וויל דעם חזן צו להכעיס־טאָן און זאָגט דווקא "יתברך". די פרנסה פונעם חזן איז געווען אַ קנאַפּע. און אַז ער האָט געבעטן אַ הוספה, דערציילט אונדז דאָס שפּריכוואָרט: "אַז דער חזן האָט ווייניק שכירות, דערלייגט מען אים אַ פּאָר זינגערס" [117]. ד.ה. קהל טוט אים אַ טובה מיט די זינגערס, אָבער זײַן געהאַלט בלײַבט קנאַפּ. די באַציאונג צום חזן דריקט זיך אויס אויך אין אַן אַנדער שפּריכוואָרט: "ווי אַזוי דער חזן זינגט, קריגט ער אַלץ אין טאַטן אַרײַן" [118]. זינגט אַ חזן גוט, זאָגט מען געווײנלעך: "אוי, האָט ער שיין געזונגען, אַ רוח אין זײַן טאַטן אַרײַן". זינגט ער שלעכט, קומט דאָך אים אַוודאי אַ רוח אין טאַטן אַרײַן.

דער זילזול אין חזן איז בולט בײַ פאַרגלײַכן אים צו בעלי־חיים: צו אַ שאָף, אַ הונט, אַ פערד, אַ האָן. צ.ב. "אַ חזן און אַ פערד זײַנען נאָר גוט ביז פערציק יאָר" [119]. אַ חזן איז גוט ווען ער איז יונג, אָבער ווען ער עלטערט זיך זאָגט מען: "אויף דער עלטער בילט ער ווי אַ הונט און פרעסט ווי אַ פערד" [120]. אַזוי ווײַצלט מען זיך אויפן חשבון פון חזן (צוזאַמען זײַנען דאָ 22 שפּריכווערטער וועגן "חזן").

דער שדכן — ווי אַזוי זעט אויס דער שדכן אין אונדזערע שפּריכווערטער?

דעם חזן האָט מען צוגעקלעפּט דעם עפּיטעט פון אַ נאַר, דער שדכן האָט אויך זײַן עפּיטעט — ער איז אַ שקרן. דער דאָזיקער עפּיטעט איז אַפילו זייער אונטערגעשטראָכן. אויפן שדכנס וואָרט קען מען זיך ניט פאַרלאָזן, ווייל: "אַ שדכן מוז זיין אַ ליגנער" [121]. דער ליגן געהערט צו זײַן מלאכה, ער איז דער תמצית פון זײַן מלאכה: "דעם שדכן שטראָפט גאָט ניט פאַר זײַנע ליגן" [122]. אַפילו גאָט אַליין מאַכט שלום דערמיט, ווייל ער האָט דאָך אים אַזאַ פּרנסה געגעבן. אויפן שדכן זאָגט מען: "אַ שדכן איז ווי אַ מיל" [123] — ווי אַ מיל מאָלט ער אָן אויפהער מיט זײַן מויל, און די צונג רוט ניט, נישט איבערקלייבנדיק קיין ווערטער, ביז ער דערגרייכט זיין ציל. דער שדכן האָט ניט קיין געוויסן און מיט זײַנע שקרים פּירט ער צונויף נישט־פּאַסנדיקע שידוכים. דאָס שפּריכוואָרט באַצייכנט דאָס מעטאַ־פאַריש: "דער שדכן פּירט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און זאָגט דערנאָך: שלאָגט אײַך קאָפּ אָן דער וואַנט" [124], — אבי ער האָט שוין זײַן שדכנות־געלט באַקומען, קען שוין דאָס פּאָרל זיך הרגענען אַנאַנדער. פאַרשטייט זיך, אַז די מחותנים זײַנען גאַנץ אָפּט נישט צופרידן און ער פּירט זיי צום אויסגלייך. ווייסט ער דאָך וואָס עס דערוואַרט אים אַז ס׳וועלן זיך אויפ־דעקן זײַנע שקרים. וואָס טוט דער שדכן? — "אַז דער שדכן פּירט צונויף די מחותנים, באַהאַלט ער זיך אויפן בוידעם" [125]. אַזוי זעט אויס דער פּרצוף פונעם שדכן אינעם פאָלקס־שפּריכ־וואָרט.

דערציִאונג

דער מלמד, זיין באַהעלפער, די תלמידים

אויך דער מלמד בלײַבט ניט אָן אַ צונאָמען. "איטלעכער מלמד איז אַ שטיק שלים־מזלניק" [126]. מען האַלט ניט פון דער אַרבעט פונעם מלמד. עס הייסט ער האָט אַ לײַכטע אַרבעט, ער אַרבעט מיטן טײַטל. "דער מלמד אַרבעט מיטן טײַטל און דער בעל־הבית צאָלט מיטן בײַטל" [127], און מיר האָבן שוין אויבן דער־מאָנט דאָס שפּריכוואָרט אין וועלכן ס'ווערט געזאָגט, אַז "פֿאַר דרײַ האָט גאָט אָנגעגרייט אַ באַזונדער גן־עדן — — — נאָר עס שטייט נאָך עד היום לײדיק". איינער פון די דרײַ וואָס טוען נישט זייער אַרבעט בנאמנות איז דער מלמד — אַזוי זעען די בעלי־בתים דעם מלמד. דער מלמד אַליין איז אָבער אַן אויסגעדאַרטער ייִד, אַזוי אַז יעדער ווינט קען אים אַוועק־טראָגן. אַז מען וויל זאָגן אַז איינער אַנטלויפט פאַר שרעק [גיך], זאָגט מען: "עס האָט אים געטראָגן (אָדער געכאַפּט) ווי אַ רוח אַ מלמד" [128].

די תלמידים האָבן אויך נישט קיין גרויס פאַרגעניגן אין זייער "שול" — אין חדר. דאָס חדר איז געווען אין דעם מלמדס שטוב, די שטוב וואו דעם מלמדס גאַנצע פאַמיליע האָט געוואוינט. אין דער ענגשאַפט האָט ניט תמיד געהערשט שלום־בית, און "אַז דער מלמד קריגט זיך מיטן ווײַב, איז אָך און ווי צו די תלמידים" [129], ווײַל דער מלמד לאָזט אויס זײַן כעס צו די תלמידים.

גאָר נעבעכדיק איז דער בעלפער־באַהעלפער פונעם מלמד.

אַז דער מלמד וויל ניט האַלטן דעם בעלפער, קען ער אים אַרויסטרײַבן ווען ער וויל. "ווען מען וויל ניט דעם בעלפער וואַרפט מען זײַן פעקל אַרויס" [130], אַזוי אָן שום טענות ומענות. מ'דאַרף אים גאַרנישט זאָגן פאַרוואָס און פאַר ווען... דער בעלפער עסט אין די הײַזער, בײַ די בעלי־בתים און ער קען ניט זיין קיין איבערקלייבער מיט עסן. ער מוז עסן וואָס מ'גיט אים און ווען מע גיט אים, "אַ בעלפער האָט אַ פאַרעווע קישקע" [131], ער קען ניט אָפּהיטן די זעקס שעה צווישן פליישיקס און מילכיקס און ער "כאַפּט אַרײַן" וואָס מע גיט...

אַזוי האָט אויסגעזען דער חינוך אין יענע צײַטן.

ווי זעען אויס די קהילה־עסקנים

די קהילה־עסקנים האָבן ניט קיין גוטן נאָמען בײַם פאָלק. מען האַלט זיי נישט פאַר קיין ערלעכע מענטשן, ווײַל זיי לעבן אויפן חשבון פון דעם כלל, "אַ גבאי דערלייגט קיינמאָל ניט צום גבאות" [132]. דאָס פאָלק איז זיך נוקם אין אים מיט זיין שאַרפער איראָניע, זאָגנדיק: "דער גבאי האָט דאָס בעסטע מילכיקס, ווײַל ער מעלקט די גאַנצע שול" [133].

ד ע ר פּ ר נ ס — ענלעך איז אויך די מיינונג וועגן דעם קהלס פּרנס. וואָס איז זײַן באַצייכענונג? — זײַן גרויסער פּעטער בויך. דעם פּרנסעס בויך איז אַ סימבאָל פון זעטיקייט: "אַ בויך ווי אַ פּרנס" [134], זאָגט מען. פאַרוואָס? — דערקלערט בערנשטיין: "אַ פּרנס האָט אַ גרויסן בויך, ווײַל ער לעבט געוויינלעך אויף דעם קהלס רעכענונג".

קהלס מענטשן האָט דאָס פאָלק נישט ליב. אָבער עס איז פאַראַן אַ בעל־שררה אין דער קהילה און אים האָט מען ממש פײַנט, און ער איז אויך פאַראַכטעט. דאָס איז דער בעל־

טאַקסע, וואָס ווערט אָנגערופן אין מויל פון פאָלק "דער שוחט", און נישט סתם אַ שוחט, נאָר: "דער ערגסטער שוחט איז דער בעל־טאַקסע"[135], דער פאַכטער פון דעם כשרן פלייש. ער האָט גענומען זייער הויכע פרייזן פאַרן פלייש און די אָרעמע לײַט האָבן דערפון שטאַרק געליטן. דערפאַר איז ער בײַם פאָלק געווען פאַרהאַסט.

אַזוי זעען אויס די קהלישע טוער אין שפּריכוואָרט.

פּאַרטיילונג פון די שפּריכווערטער לויט זייער אינערלעכן באַטייט

די שפּריכווערטער טיילן זיך אויף —

1. פּאַראַנעדיקע (וואָס באַצייכענען דאָס עקזיסטירנדיקע),
2. געגאַרטע (געוואונטשנדיקע).

פון די 424 שפּריכווערטער וואָס זײַנען דער אָביעקט פון אונדזער אַרבעט, זײַנען פאַראַן בלויז אומגעפער 50 שפּריכ־ווערטער וואָס מיר קענען באַטראַכטן אַלס געגאַרטע־דעקלאַ־ראַטיווע, און דאָס איז ווערט צו אונטערשטרײַכן. אַלע אַנדערע זײַנען פאַראַנענדיקע שפּריכווערטער. אויספּירלעכער זעט עס אויס אַזוי: אין דער ערשטער גרופּע שפּריכווערטער (אַרבעט און מלאכה) וואָס באַשטייט פון 88 שפּריכווערטער, האָבן מיר נאָר 10 געוואונטשנדיקע שפּריכווערטער; אין דער דריטער גרופּע — די צאַלרייכסטע (כלי קודש א.אַ.), וואָס נעמט אַרום 174 שפּריכווערטער, געפינען זיך בלויז 4 אַזעלכע שפּריכ־ווערטער. די גרויסע מערהייט פון די געוואונטשנדיקע שפּריכ־ווערטער געפינען זיך אין דער צווייטער גרופּע (מסחר אין דאָרף און אין שטאָט) — 155 שפּריכווערטער.

דער זינען פון דאָזיקן פאַקט איז אַ קלאָרע באַשטעטיקונג פאַר דער דערקלערונג פון בערנשטיין אין דער הקדמה צו זיין שפּריכווערטער־זאַמלונג, אַז ער האָט די שפּריכווערטער צו־נויפגעקליבן פון מויל פון פאָלק אויף דער גאַס אָדער אויפן מאַרק. — די קליינע צאָל שפּריכווערטער מיט וואונטשן — גיט צו נאָך אַ באַווייַז פאַר דער פאָלקסטימלעכקייט פון אונדזערע שפּריכווערטער און זייער קשר מיטן טאָגטעגלעכן

לעבן. אַזוי האָבן זיי אין זיך אַ ממשותדיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם ייִדישן לעבן.

ווי געזאָגט, קאָנצענטרירט זיך דער טיפּ פון געוואונטשנדיקע שפּריכווערטער אין דער גרופּע פון מסחר. דאָ באַדאַרף מען באַמערקן: אויך אין דער דאָזיקער גרופּע איז זייער אינהאַלט נישט קיין אַבסטראַקטער. עס איז אין זיי נישטאָ קיין מאָראַל־פּרעדיקן א.אַ.וו. זייער אינהאַלט באַשטייט מער אין דידאַקטישע פּאַכמענישע כללים, אָנווייַזונגען, פּרינציפּן און עצות ווי אַזוי דער סוחר דאַרף פירן זייַנע געשעפטן, כדי ער זאָל נישט אַרייַנפאַלן, ער זאָל נישט נכשל־ווערן. נאָכמער, די דערמאָנטע שפּריכווערטער, זייער מקור איז די דערפאַרונג אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן, אַזוי אַז זיי שפּיגלען אויך אָפּ די ווירקלעכקייט אין וועלכער די ייִדישע געזעלשאַפט האָט געלעבט אין יענער תקופה. נאָר ווייַל זיי זייַנען פאָרמולירט ווי כללים ווי זיך אויפצופירן אין האַנדל, ווערן זיי אַרייַנגערעכנט צווישן די געוואונטשנדיקע שפּריכווערטער.

אַ פּאָר ביישפּילן:

"בעסער אַ כשרער גראָשן איידער אַ טרפה קערבל" [136] — אַ כלל, אַ וואָרענונג ניט אָפּצונאַרן דעם קונה, ווייל: "אָפּנאַרן קאָן מען נאָר איין מאָל" [137]. און נאָך אַ כלל — דער סוחר איז געוואָרנט צו זייַן פּאָרזיכטיק אין מסחר: "בעסער צען מאָל מעסטן און איין מאָל אָפּשניידן, איידער פאַרקערט" [138]. יעדעס געשעפט מוז מען מאַכן מיט ייִשוב־הדעת, ווייל "יוצא בחפזון פאַרלירט דאָס געלט און די הויזן" [139], אָדער "לויפן און קויפן טויג ניט" [140]. "אַז מען ייִשובט זיך צו פיל נעמט דערווייל דער אַנדערער די פּרנסה אַוועק" [141].

באותו ענין נאָך עצות אין האַנדל: "אַרײַן איז אַלעמאָל גרינגער ווי אַרויס" [142]. און "אַרײַן און אַרויס קאָסט געלט" [143], אַ חוץ דעם שאַדט עס דעם שם־טוב, די רענאָמע פונעם סוחר, טאָמער האָט ער חרטה פון אַ עסק, ווײַל "חרטה האָבן איז ניט סוחריש" (זע באַמ. 82), אָבער — "אַז מען יישובט זיך צו פיל, נעמט דער אַנדערער דערווייל די פּרנסה אַוועק" [144], און דער סוחר מוז געדענקען: "אַז מען שטעלט ניט אײַן, נעמט מען ניט אויס" [144*]. אין דער באַציאונג צו די קונים דאַרף דער סוחר זיין אַ סבלן, ער דאַרף וויסן אַז: "צען דינגען און נאָר איינער קויפט" (זע באַמ. 78).

און נאָך פאַרשידענע כללים און עצות פון דעם מין: "אַ ריינער חשבון איז אַ האַלבער סילוק" [145]. בײַם אויסחשבונען קומט אָבער אַרויס, אַז ס'איז עפּעס דאָ צו פיל, דאַרף מען זיך נישט פרייען, "וואו עס איז איבעריק, דאַרט פעלט" [146]. דער סוחר דאַרף אויך וויסן, אַז "מיט חכמה אַליין גייט מען ניט אין מאַרק אַרײַן" [147], און "ווער עס האָט ניט קיין געלט אין קעשענע, דער זאָל קיין מיקח ניט פרעגן" [148], און נאָך אַ סך אַנדערע כללים.

אין אונדזערע שפּריכווערטער, כמעט אין אַ דריטל פון זיי, געפינען מיר הומאָר אין זײַנע פאַרשידענע דערשיינונגען, ווי איראָניע, קאָמיזם, שפּאָט, סאַטירע, א.אַ. באַזונדער בולט איז דאָס אין דער גרופּע וועגן די כלי־קודש און קהילה־עסקנים, די וואָס געהערן צום אייגנאַרט פון דעם ייִדישן לעבנס־שטייגער. אין דער גרופּע פאַרנעמען די שפּריכווערטער וואָס זײַנען אָנגעזאָפּט מיט הומאָר, אַ העלפט פון זייער אַלגעמיינער צאָל.

מיטן הומאָר־פענאָמען האָבן זיך באַשעפטיקט אַ סך דענקערס און פילאָזאָפן. די טעמע האָט סומירט פעליקס וועלטש אין זיין עסיי אין "במסכת הצחוק" ("גזית", מג־מח) און אין האנ־ציקלופדיה העברית, כרך י"ג, ז"ז 776־783. דאָרט שרײַבט פ. וועלטש: אַלע — אַפילו אונדזערע שונאים, זײַנען מודה, אַז דער הומאָר פאַרנעמט אַ גרויסן פּלאַץ אין דער ייִדישער ליטעראַטור (שלום עליכם, מענדעלע מו"ס, י. ל. פּרץ), און אין טאָג־טעגלעכן ייִדישן לעבן. דערצו זײַנען פאַראַנען אַ סך טעמים:

ערשטנס — ייִדן זײַנען אַ פאָלק פון אַנטיטעזע, דעם ייִד קומט אָן לײַכט צו פאַראייניקן עקסטרעמע געדאַנקען אין דעם וויץ. דאָס שנעלע דענקען, דאָס אַבסטראַקטע דענקען, און אַנדערע גייסטיקע אייגנשאַפטן, דינען אַ יסוד פאַר דער טעכניק פון וויץ.

צווייטנס — דער היסטאָרישער מצב פון ייִדישן פאָלק אין משך פון הונדערטער יאָרן. דער הומאָר, דער וויץ איז אַן אָפּ־

ווערונגס־מיטל, אַ געווער פֿאַר די וואָס זײַנען פֿיזיש שוואַך, אָבער גייסטיק שטאַרק — דער וויץ, דער שפּאַס, קען אוועק־נעמען די גייסטיקע העמונגען. דורך דעם האָבן ייִדן געקענט זיך באַנוצן מיט קריטיק, גרינגשעצונג און ביטול קעגנאיבער זייערע באַדריקערס.

דריטנס — ייִדן האָבן אַ שטאַרקן חוש פֿאַר אייגן־קריטיק. דער הומאָר, דער וויץ — באַדינען דעם דאָזיקן צוועק. אַ ייִד האָט אַ שטאַרקע הנאה פֿון אַ וויץ, און אַפֿילו פֿון אויסלאַכן זיך אַליין. די הנאה פֿונעם וויץ רעקאָמפּענסירט דעם ייִד פֿאַר דעם פּוגע־זיין אין זיין אייגענער גאווה, וואָס דער וויץ האָט גורם געווען. אַזוי ווענדעט זיך דער ייִדישער וויץ פֿון איין זײַט, ווי מיר האָבן געזען, קעגן די אומות העולם, קעגן דעם פּויער, קעגן דעם פּריץ, און אַנדערע: פֿון דער אַנדערער זײַט שפּאַסט ער איבערן רבֿ, חזן און שדכן א.אַ., וואָס שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע אין דער ייִדישער געזעלשאַפֿט. ער שפּאַסט בכלל איבער אַלע אַנדערע שיכטן אין דער ייִדישער גאַס, די בעלי־מלאכות, קבצנים א.אַ.וו.

וועגן דעם הומאָר אין צוזאַמענהאַנג מיטן מצב פֿונעם ייִדישן פֿאָלק דערציילט הערמאַן קרוק (אין זיין "טאָגבוך פֿון ווילנער געטאָ", ניו־יאָרק, 1961) פֿאַקטן פֿון דער שואה, ווען ייִדן אויפֿן שוועל פֿון קרעמאַטאָריום האָבן געפֿונען אַ דערלײַכטערונג אין וויצן אויפֿן חשבון פֿון זייערע פֿײַניקערס און געפֿונען טרייסט און נקמה אין דער נאַצישער ווילדער חיה. זייער הומאָר האָט זיי געגעבן אַ געפֿיל פֿון אַ געוויסער העכערקייט איבער זייערע מערדער אין מאָמענט פֿון אַבסאָלוטן יאוש. דער וויץ האָט זיי דערמעגלעכט צו געבן אַ זופֿ, כאָטש אַ גאָר קליינעם זופֿ, פֿון פֿרייהייטס־כוס, פֿון גייסטיקער באַפֿרייאונג פֿון די גרויליקע מערדערישע הענט — שרײַבט הערמאַן קרוק.

און נאָך אין דעם ענין. לעצטנס האָב איך געלייענט אין דער צײַטשריפט "העתיד", וועגן אַ לערער פון אַ ייִדישער פּריוואַט־שולע אין דיסעלדאָרף (דײַטשלאַנד): "כדי אויסצומיידן די סכנה פון גייסטיקע קראַנקייטן (פון די קינדער), האָבן די לערער צוזאַמען מיט די תלמידים זייער אַ סך געלאַכט. ווײַל דווקא אין די שווערסטע צײַטן איז דער הומאָר געווען דער בעסטער מעדיקאַמענט, באַזונדערס פאַר דער גייסטיקער געזונטקייט פון אונדזערע קינדער". ד.ה. אַז אויך אין דעם עקסטרעם גרוילעכסטן צושטאַנד איז דער הומאָר געווען אַ געוויסע רפואה.

מיר קומען צוריק צו דער פראַגע וואָס איז דער יסוד פון דעם הומאָר אין אונדזערע שפּריכווערטער. מיר קענען ענט־פערן אויף אַ בולטן אופן דורך ציטירן עטלעכע שפּריכ־ווערטער. צ.ב. "אַ הונט שיקט אַ הונט — אַ רב שיקט אַ רב" [149]. בערנשטיין דערציילט אַז דער מקור פון דעם שפּריכוואָרט איז אַזאַ געשיכטע: אַ גביר האָט געוואָלט אָנטאָן דעם רב אַ כלומרשטן כבוד — ער האָט אים געשיקט אַ הונט פון צוקער צו משלוח מנות. דער רב האָט אים צוריקגעשיקט אַ פיגור פון צוקער, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַ רב (אַ ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד). וואַריאַנט — ער האָט געשיקט זײַן פאָטאָגראַפיע. בײַ אַ געלעגנהייט האָט דער בעל־הבית געפרעגט וואָס דאָס האָט צו באַטײַטן, האָט אים דער רב געענטפערט: "אַ הונט שיקט אַ הונט, אַ רב שיקט אַ רב".

אין דעם דאָזיקן שפּריכוואָרט רעדט זיך וועגן אַ הונט און אַ רב. ווי קומט אַ הונט צו אַ רב? די ביידע האָבן דאָך קיין שום געמיינזאַמקייט — צוויי באַגריפן ווײַטע פון אַנאַנדער, און פּלוצים זײַנען זיי זיך מזווג אינעם שפּריכוואָרט? דער קעגנזאַץ איבעראַשט אונדז. אָבער באַלד באַגרייפן מיר דעם זין פונעם

שפּריכוואָרט — מיר באַגרייפן דעם "שטאָך" פון דעם וואָרט "הונט-כלב", וואָס איז אַן אַסאָציאַציע פון אַ שלעכטן מענטש, אָבער אויך פון אַ גאַסן-הונט — אַ נישט בכבודיקער מענטש. מיר באַגרייפן איצט, אַז דער גביר האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער וויל מכלומרשט געבן כבוד דעם רב מיטן שיקן משלוח מנות — בשעת זײַן ציל איז געווען דער היפוך — אַ שווערע באַליידיקונג...

דער רב מיט זײַן חריפות האָט צוריקגעוואָרפן די באַליידי-קונג צום גביר, שיקנדיק אים אַ פיגור פון אַ רב. און ווען דער גביר פאַרשטייט ניט דעם באַטייט דערפון — קומט די דער-קלערונג — די איבעראַשונג: אַ הונט שיקט אַ הונט, אַ רב שיקט אַ רב. יעדער שיקט זײַנס גלײַכן. דו, גביר, האָסט געשיקט דײַנס גלײַכן און איך, דער רב, האָב געשיקט מײַנס גלײַכן — אַ רב. דער הונט בלײַבט הונט און דער רב בלײַבט רב...

נאָך אַ בײַשפּיל: "אַז דער מילנער שלאָגט זיך מיטן קוימענ-קערער, ווערט דער מילנער שוואַרץ און דער קוימענקערער ווײַס" [150]. אויך דאָ איז בולט דער הומאָריסטישער מאָמענט, דער שאַרפזיניקער געדאַנק וואָס שטעקט אין דער אַלעגאָריע.

לכאורה זעט עס אויס גאַנץ פּשוט. דער ווײַסער מילנער פאַרשמירט זיך, ווען ער שלאָגט זיך מיטן שוואַרצן קוימענ-קערער. און דער היפוך איז בײַם קוימענקערער. נאָך אַ צווייטער מחשבה — דער מילנער איז דאָך אַ מענטש וואָס פּראָדוצירט עפּעס לעבנסוויכטיקס פאַר יעדן מענטש — דערפאַר איז ער אויך אַ חשוב. אויסער דעם האָט ער עפּעס סימבאָלי-שעס — ער איז תמיד ווײַס. ווײַס איז אַ סימבאָל פון טהרה. דאָס בגד צום דאַווענען אין די ימים-נוראים — דער קיטל, איז ווײַס, אַ רמז אויף ריינקייט פון דער נשמה. יעדנפאַלס

האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ זויבערן און זייער בוצלעכן מענטש.

דאַקעגן איז דער קוימענקערער דער היפּוך פון אים. ער איז תמיד שמוציק און שוואַרץ. אין ערשטן מאָמענט לאַכן מיר פון דעם צוזאַמענשטויס צווישן ווײַס און שוואַרץ, צווישן צוויי וואָס איינער, דער מילנער, איז ווײַס און חשוב, און זײַן „פּאַרטנער" — וואָס איז שוואַרץ און פון אַ נידעריקן שטאַנד אין פאַרגלײַך צום מילנער. מיטן צווייטן געדאַנק פאַרשטייען מיר אָבער דעם שאַרפזין פונעם שפּריכוואָרט: אַז דו האָסט צו טאָן מיט עמיצן וואָס איז ווײַט פון דײַן שטאַנד, „שלאָג דיך ניט" מיט אים. לאָז אים לויפן! קיין כבוד פון דעם געראַנגל וועסטו נישט האָבן. גאַנץ פאַרקערט, עס וועט זיך אין דיר אָנקלעפּן פון דעם פּאַרטנערס אומכבוד. די מסקנה: גיי ניט אַרײַן אין סיכסוכים מיט נישט דײַנס גלײַכן. דאָ ווערט דאָס אויסגעדריקט זייער שאַרף: שוואַרץ קעגן ווײַס.

און אַ דריטן ביישפּיל — זע באַמערקונג 70 און די דערקלערונג פונעם שפּריכוואָרט „דער שענקער לעבט פון דעם אויבערשטן", ווי אויך דאָס שפּריכוואָרט — תירוץ פון אַן עם-הארץ, „אַז מען איז מכבד אַ רענדאַר מיט הגבהה, זאָגט ער ער איז הייזעריק", און די באַמערקונג 73.

אַלגעמיינע מסקנות

1. די שפּריכווערטער וואָס מיר האָבן באַהאַנדלט גיבן אונדז אַ וואַרע אָפּשפּיגלונג פון די לעבנס־באַדינגונגען און פון דעם לעבנס־שטייגער פון דער איבערוועגנדער מערהייט פונעם ייִדישן פאָלק. דער אינהאַלט פון ס׳רוב באַהאַנדלטע שפּריכווערטער צייכנט זיך אויס מיט אַ בולטן ייִדיש־נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן כאַראַקטער און דריקן אויס דעם נאַציאָנאַל־ייִדישן ״איך״ פונעם פאָלק. זייער ייִדישע שפּראַך, די פערזן און פאַרגלײַכונגען און זייער קלאַנג אין ייִדיש גיבן דעם אמתן טעם, בלויז אין לשון־ייִדיש. זיי קענען ניט איבערזעצט ווערן, ווײַל בײַ דער איבערזעצונג פאַרלירן זיי דעם טעם און זין פונעם מקור.

2. אויפן ייִדישן שפּריכוואָרט האָט אַ גרויסע השפּעה געהאַט די אַלטע ייִדישע ליטעראַטור. זייער אַ סך שפּריכווערטער באַזירן אויף תנ״כישע, תלמודישע און רעליגיעזע מאָטיוון.

3. די ייִדישע אייגנשאַפט און חוש פאַר הומאָר, שאַרפזין, סאַטירע און שפּאַסיקע פאַרגלײַכונגען, וואָס רײַסן אַראָפּ די מאַסקע פון פאַלשקייט, איז בולט אין זייער אַ סך שפּריכווערטער, וואָס אַנערקענען ניט קיין שום אויטאָריטעטן און צייכענען זיך אויס מיט הויך־מאָראַלישע און מענטשלעכע לעבנס־כּללים.

4. כמעט אַלע שפּריכווערטער זײַנען אויסגעוואַקסן בעיקר

אויפֿן גרונט פֿון די היסטאָרישע, אייגנאַרטיקע ייִדישע לעבנס־באַדינגונגען און זייער לעבנס־שטייגער.

5. די איבערוועגנדיקע מערהייט שפּריכווערטער וואָס רעדן פֿון דעם פּאַראַנענדיקן (און נישט וועגן דעם אידעאַל־געוואונטשנדיקן), זאָגן עדות וועגן זייער פֿאַלקסטימלעכקייט און זייער קשר מיטן טאָגטעגלעכן לעבן.

6. און נאָך איין באַמערקונגסווערטער פֿאַקט: דער מסחר און וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט מסחר — די וויכטיקסטע פּרנסה פֿון ייִדן — איז אַמייסטן צעשאָטן צווישן פֿאַרשידענע שטיכווערטער, און דערשייַנט אונטער 79 שטיכווערטער (אַ חוץ די דירעקטע). דאָס קען מרמז זיין ווי ווייַט דער מסחר איז געווען פֿאַרפֿלאָכטן אין ייִדישן לעבנס־שטייגער (דאָס פֿאַרהעלטעניש צווישן די דירעקטע שטיכווערטער און די אומדירעקטע איז 1:3) אַלס דאָמינירנדיקע באַשעפֿטיקונג בייַ ייִדן אין דאָרף און אין שטאָט.

ואחרון אחרון — אין אונדזער אַרבעט האָבן מיר זיך באַשעפֿטיקט מיטן תּוכן און איכות פֿון די שפּריכווערטער. עס איז אָבער דאָ נאָך אַ פֿאַקטאָר, וואָס איז פֿאַר אונדז זייער אינטערעסאַנט און אַפֿילו איבעראַשנדיק — די סטאַטיסטישע זייַט, דער כמות פֿון דער אַלגעמיינער צאָל שפּריכווערטער אין יעדער גרופּע און די פֿאַרהעלטעניש צווישן זיי. ווען מיר פֿאַרגלייַכן די צאָל־פֿאַרהעלטעניש מיט דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער פֿאַרשונג פֿון אויטאָריטעטן אויף די דאָזיקע געביטן: דער סאָציאָלאָג פֿון מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום — לעשצינסקי און די היסטאָריקער שמעון דובנאָוו און נ. מ. געלבער —

ווײַזט זיך אַרויס אַ כמעט געניע איינשטימיקייט פון אויס־פירונגען פון די אויבנדערמאָנטע פאָרשערס מיט די רעזולטאַטן פון דער סטאַטיסטיק. ד.ה. אַז אויך די צאָל־פאַרהעלטניש פון די שפּריכווערטער אין די גרופּעס גיט דאָס זעלבע בילד פון דער עקאָנאָמיש־סאָציאַלערווירקלעכקייט פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום (זע טאַבעלע, ז׳ 85).

דער אויספיר: אויך דער כמות פון די שפּריכווערטער דער־מעגלעכט אונדז אַרײַנצודרינגען אין דער נשמה־טיפעניש פון פאָלק, זען איר אייגנאַרט און איר לעבנס־ווירקלעכקייט, ווי דאָס איז באַזונדערס בולט אין די אויבנדערמאָנטע יסודות.

סיכום־טאַבעלע

די באַשעפטיקונגס־גרופּן	די צאָל שפּריכוועורטער אַלגעמיין	%	די צאָל גע־וואונטשנדיקע שפּריכוועורטער	די צאָל מלאכות און באַשעפטיקונג אין די שפּריכוועורטער
מלאכה און אַרבעט (אין אַלגעמיין)	88	20.5	10	23
מסחר אין שטאָט און אין דאָרף — פּאַרמיטלונג, האַנדל, אַרענדע א.אַ.	155	37.0	32	6
כלי קודש, עסקנים, דערציאונג און אַנדערע	174	41.0	4	29
גרונט־שפּריכוועורטער	7	1.5		
סך־הכל	424	100.0	46	58

באַמערקונגען

1 איגנאַץ בערנשטיין, ייִדישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטן, וואַרשע, 1908.
2 האנציקלופדיה העברית, כרך ג׳, ערך: היהודים באירופה, עמ׳ 193, טבלה א׳.
3 יעקב לעשצינסקי: וואוהין גייען מיר? אַרויסגעגעבן פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, ז״ז 51־53, ניו־יאָרק, 1944.
4 האנציקלופדיה העברית, כרך י׳, ערך: גאליציה, עמ׳ 883.
5 פסחים קיג עמ׳ א: פשוט נבילתא בשוקא ושקיל אגרא.
5* מאיר איילי, פועלים ואומנים — מלאכתם ומעמדם בספרות חז״ל, תל־אביב, 1987.
6 יהושע א׳, ח׳.
7 בערנשטיין (ווײַטער: בער׳), ז׳ 125, ייִד 33.
8 בער׳, ז׳ 128, ייִדיש 7.
9 דאָרט, 8.
10 פסחים קיח, עמ׳ א.
11 בער׳, ז׳ 205, פרנסה 6.
12 בער׳, ז׳ 124, ייִד 18.
13 דאָרט, 8.
14 בראשית מ״ט, כ״ז.
15 תהל׳ קי״א, ה׳.
16 בער׳, ז׳ 125, ייִד 34.
17 בער׳, ז׳ 67, דינער.
18 בער׳, ז׳ 33, בעזעם 3.
18* בער׳, ז׳ 264, שדכן 5.
19 בער׳, ז׳ 267, שוסטער 3.
20 בער׳, ז׳ 277, שיכור 10.
21 בער׳, ז׳ 27, בדחן.
22 בער׳, ז׳ 57, גן־עדן 4.
23 בער׳, ז׳ 99, זינגען 2.

24 בער׳, ז׳ 263, שבת 15.
*24 בער׳, ז׳ 12, איילעניש.
25 בער׳, ז׳ 268, שטאָך 3.
26 בער׳, ז׳ 5, אָװעקלײגן.
27 בער׳, ז׳ 79, הײזעריק.
28 בער׳, ז׳ 100, זיצן 4.
*28 בער׳, ז׳ 124, ייִד 19.
29 בער׳, ז׳ 161, מלאכה 11.
30 דאָרט, 12.
31 דאָרט, 13.
32 דאָרט, 7.
33 בער׳, ז׳ 292, תורה 9.
34 בער׳, ז׳ 274, שײַגעץ 1.
35 בער׳, ז׳ 267, שוסטער 1.
36 בער׳, ז׳ 18, אָנשפּאַרן.
37 בער׳, ז׳ 285, שנײַדער 2.
38 Szewcy, krawcy nie są ludzie אצל Julian Krzyżanowski: Mądrej głowie dość dwie słowie, Warszawa 1960 באַנד 1, ז׳ 501.
39 בער׳, ז׳ 285, שנײַדער 3.
40 בער׳, ז׳ 170, משרת 1.
41 בער׳, ז׳ 171, משרת 4.
42 בער׳, ז׳ 67, דינסט.
43 בער׳, ז׳ 171, משרת 2.
44 בער׳, ז׳ 290, שררה 2.
45 ד״ר יו״ט לוינסקי: מהווי בעלי מלאכה במזרח אירופה, ס׳ זאבי, הוצ׳ המועדון לספרות ולפולקלור ב״ביתנו״, חיפה, 1966.
46 בער׳, ז׳ 92, וויסן 9.
47 בער׳, ז׳ 206, פּאָרן 4.
48 בער׳, ז׳ 84, וואָגן 1.
49 בער׳, ז׳ 199, פּאַשען.
50 בער׳, ז׳ 204, פּאַרשוין 2.
51 בער׳, ז׳ 35, בעל־עגלה.
52 בער׳, ז׳ 3, אָבטון 2.

53 בער׳, ז׳ 204, פריץ 4.
54 דאָרט, 1.
55 בער׳, ז׳ 205, פריץ 8.
56 דאָרט, 6.
57 בער׳, ז׳ 196, פּאָדפּאָן.
58 בער׳, ז׳ 44, גאָט 8.
59 בער׳, ז׳ 199, פּויליש.
60 בער׳, ז׳ 24, ״אתה הראית״.
61 זע באַמ. נר. 4.
62 ש. דובנאָוו, געשיכטע פון די ייִדן אין אייראָפּע, באַנד 7, ז״ז 78־79.
63 ח״ן ביאַליק, לידער און פּאָעמען, איבערגעזעצט דורך י. י. שוואַרץ, ניו־יאָרק 1935, ז״ז 223־225, פּאָעמע ״מײַן טאַטע״.
64 בער׳, ז׳ 200, פויער 2.
65 דאָרט, 5.
66 דאָרט, 6.
67 בער׳, ז׳ 205, פרנסה 3.
68 בער׳, ז׳ 277, שיכור 11.
69 בער׳, ז׳ 259, רענדאַר 2.
70 בער׳, ז׳ 286, שענקער 3.
71 שבחי הבעש״ט, ערוך ע״י ש. א. הורודצקי, ״דביר״, תש״ז.
72 בילעצקי, דרײַ געשטאַלטן, 1988, ז׳ 111.
73 בער׳, ז׳ 259, רענדאַר 1.
74 בער׳, ז׳ 291, תבואה־האַנדל.
75 בער׳, ז׳ 186, סחורה 6.
76 דאָרט, 9.
77 דאָרט, 7.
78 בער׳, ז׳ 67, דינגען.
79 בער׳, ז׳ 139, לויפן 1.
80 בער׳, ז׳ 21, אַרײַן.
81 בער׳, ז׳ 116, טיר 1.
82 בער׳, ז׳ 110, חרטה 1.
83 בער׳, ז׳ 221, צוריקגיין.
84 בער׳, ז׳ 36, בעסער 19.

85 בער׳, ז׳ 131, יקרן.
86 בער׳, ז׳ 85, וואָלוועל 1.
86* בער׳, ז׳ 124, ייִד 17.
87 בער׳, ז׳ 186, סוף 2.
88 ברכות יז עמ׳ א; קה״ר ז.
89 בער׳, ז׳ 17, אָנזעצער.
90 ברכות ח עמ׳ ב.
91 בער׳, ז׳ 17, אָנזעצן.
92 בער׳, ז׳ 14, ״אין ליי״.
93 בער׳, ז׳ 200, פּויקן.
94 בער׳, ז׳ 111, חשון.
95 בער׳, ז׳ 247, קראָם 3.
96 בער׳, ז׳ 244, קלייט.
97 זע באַמ. נר. 3.
98 ח. ב. אילון־ברניק, היה היה מעשה, עמ׳ 28 און בער׳, ז׳ 253, רב 20.
99 בער׳, ז׳ 252, רב 9.
100 בער׳, ז׳ 161, מלאכה 2.
101 בער׳, ז׳ 252, רב 8.
102 זע באַמ. נר. 22.
103 זע ז׳ 254, רבי 5.
104 דאָרט, 9.
105 זע ז׳ 253, רב 19.
106 זע ז׳ 254, רבי 3.
107 דאָרט, 4.
108 בער׳, ז׳ 53, גוטער־ייִד 4.
109 דאָרט, 1.
110 דאָרט, 3.
111 בער׳, ז׳ 35, בעל־שם.
112 בער׳, ז׳ 53, גוטער־ייִד 2.
113 בער׳, ז׳ 106, חזן 10.
114 דאָרט, 11.
115 בער׳, ז׳ 105, חזן 3.
116 בער׳, ז׳ 106, חזן 14.

117 בער', ז' 105, חזן 2.
118 בער', ז' 106, חזן 13.
119 דאַרט, 6.
120 דאַרט, 5.
121 בער', ז' 264, שדכן 5.
122 דאַרט, 6.
123 דאַרט, 4.
124 דאַרט, 7.
125 דאַרט, 3.
126 בער', ז' 162, מלמד 2.
127 דאַרט, 3.
128 בער', ז' 255, רוח 6.
129 בער', ז' 162, מלמד 1.
130 בער', ז' 35, בעלפער 2.
131 דאַרט, 1.
132 בער', ז' 51, גבאי 1.
133 דאַרט, 4.
134 בער', ז' 27, בויך 1.
135 בער', ז' 266, שוחט 2.
136 בער', ז' 36, בעסער 14.
137 בער', ז' 4, אָפּנאַרן 2.
138 בער', ז' 38, בעסער 50.
139 בער', ז' 62, געלט 34.
140 בער', ז' 139, לויפן 1.
141 בער', ז' 131, ייִשובֿן (זיך).
142 בער', ז' 21, אַרײַן.
143 בער', ז' 61, געלט 14.
144 זע באַמ. נר. 141.
144* בער', ז' 13, אײַנשטעלן.
145 בער', ז' 110, חשבון 2.
146 בער', ז' 11, איבריג.
147 בער', ז' 107, חכמה 6.
148 בער', ז' 62, געלט 33.
149 בער', ז' 76, הונט 9.
150 בער', ז' 159, מילנער.

הוספה א׳

רשימה פון די שטיכווערטער אונטער וועלכע עס געפינען זיך די שפּריכווערטער פון אונדזער טעמע אין דער בערנשטיין־זאַמלונג (לויט דער אַלטער אָרטאָגראַפיע)

א. אַרבעט און מלאכה

1. אַבהיטן
2. אַבטון
3. אָוועקלעגן
4. אומקערן
5. אליהו הנביא
6. בעל מלאכה
7. בעל עגלה
8. בעסער
9. בעקער
10. בראָנפן
11. גאָט
12. דאָקטער
13. דינסט
14. דינער
15. הונד
16. וואָגן
17. וואונד
18. וויסן
19. זוכן
20. זיצן
21. זעצן
22. חתונה
23. טהון
24. טעסלער
25. טעפּער
26. ייִד
27. מיהל
28. מילנער
29. מלאכה
30. מענש
31. מצה־בעקער
32. משרת
33. עדות
34. פאַרשוין
35. פאַשען
36. פויער
37. פעקלמאַכער
38. פאָרן
39. צײַט
40. קאָפּ
41. קאָפּעלוש־מאַכער
42. קונץ
43. קירשנער
44. קעכין
45. קצב
46. רב

47. שבת
48. שוחטקע
49. שוסטער
50. שוסטער־גאָס
51. שטאָך
52. שייגעץ
53. שניידער
54. שררה

ב. מסחר (אין דאָרף און שטאָט)

1. אָבנאָרן
2. אָברעכענען
3. אויג
4. איבריג
5. אין לי
6. אײַנשטעלן
7. אָנזעצן
8. אָנזעצער
9. אָנקוקן
10. אָרײַן
11. אָרעמאָן
12. אתה הראית
13. בוידעם
14. בטוח
15. בייגל
16. בײַטן
17. בעסער
18. בעצאָלן
19. בראָנפן
20. ברויט
21. גאָט
22. געלט
23. געשעפט
24. גראָשן
25. דינגען
26. דרייער
27. האַנדלען
28. האַנדלשאַפט
29. הוצאה
30. היזק
31. הייזעריק
32. הלוואה
33. וואָלוול
34. וואָלף
35. וועקסל
36. חזיר
37. חכמה
38. חלה
39. חרטה
40. חשבון
41. חשון
42. חתן
43. טאַנץ
44. טאַנצן
45. טהיר
46. טוץ
47. ייִד
48. יקרן
49. יריד
50. ישוב׳ען
51. כלה
52. לויפן

53. ליכט
54. נאַר
55. נדן
56. סוחר
57. סוף
58. סחורה
59. עסן
60. פּויליש
61. פּויקן
62. פּראָצענט
63. פּראָצענטניק
64. פּרייץ
65. פליג
66. פּערפּאַלן
67. צוריקגיין
68. קונץ
69. קלאָג
70. קלייט
71. קראָם
72. קרעדיט
73. ראָד
74. רווח
75. רענדאַר
76. שיכור
77. שענקער
78. שרײַבן
79. תבואה־האַנדל

ג. כלי־קודש, חינוך, עסקנות, פאַרשיידנס

1. אויסבײַטן
2. אויסמאָלן
3. אַרומגיין
4. בדחן
5. בויך
6. בחור
7. בעטלער
8. בעטן
9. בעל־דרשן
10. בעלפער
11. בעסער
12. בעל שם
13. בעל תפילה
14. בעל תקיעה
15. בראָד
16. ברוגז
17. גאָט
18. גבאי
19. גביר
20. גוטער־ייִד
21. גן־עדן
22. דרשה
23. הונגעריק
24. הונד
25. זוהן
26. זולל וסובא
27. זינגען
28. חדר
29. חדר־יונג
30. חזן
31. חלום
32. חלעם

33. חתן
34. חתונה
35. טויגן
36. טוקערין
37. ייִד
38. כלי־זמר
39. ליב האָבן
40. מאַן
41. מגילה
42. מויד
43. מוכר־ספרים
44. מיוחס
45. מלמד
46. מת
47. נדן
48. סאַרווער
49. סוחר
50. סידור
51. ספירה
52. עקרה
53. פּאַסן
54. פּרנס
55. פּרנסה
56. קאַץ
57. קבצן
58. קהל
59. קהלה
60. קצין
61. קרייהען
62. ראַבין
63. רב
64. רבי
65. רביצין
66. רוח
67. שדכן
68. שוחט
69. שידוך
70. שיקן
71. שיקסע
72. שליח
73. שמד׳ען
74. שמש
75. שעכטן
76. תלמיד
77. תקיעות

הוספה ב׳

(מאיר איילי — פועלים ואמנים, מלאכתם ומעמדם בספרות חז״ל עמ׳ 12).

די חכמי התלמוד האָבן זייער געשעצט די האַנטווערקער. קיין שום מלאכה איז ביַי זיי נישט געווען קיין פחיתות כבוד. אין תלמוד בבלי ווערט דערציילט וועגן צוויי חכמים, ר׳ חנינא און זיַין ברודער ר׳ אושעיא וואָס האָבן געמאַכט שיך אין שוק פאַר די זונות; אַנדערע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט גאַרבעריַי. צ.ב. דערציילט ר׳ ישמעאל דער זון פון ר׳ יוסי : מיַין טאַטע איז געווען אַ גאַרבער (אַבאַ שלחא הוה ואמר הביאו שלחין ונשב עליה (שבת מט, א). אַזעלכע מלאכות ווי שוסטעריַי און גאַרבעריַי זיַינען אויך געווען חשובע מלאכות און בכבודיקע און יעדער בעל־מלאכה האָט געלויבט זיַין מלאכה (אדר״נ נו״ב, כא).

הוספה ג׳

מ. קיפּניס, הונדערט פֿאָלקס־לידער, בוענאָס־איירעס 1949.

I

איז געקומען אַ חזן אין אַ קליין שטעטל דאַווענען אַ שבת,
דאַווענען אַ שבת,
זענען אים געקומען הערן די דרײַ שענסטע בעלי־בתים פון
דעם שטעטל,
די דרײַ שענסטע בעלי־בתים פון דעם שטעטל :
איינער אַ שנײַדערל, דער אַנדערער אַ קאַוואַלטשיקל,
און דער דריטער אַ בעל־עגלהטשיקל.
רופט זיך אָפּ׳עט דאָס שנײַדערל,
רופט זיך אָפּ׳עט דאָס שנײַדערל :
אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַוונט, האָט ער געדאַוונט !
אַזוי ווי מען גיט מיטן נאָדל אַ שטאָך
און מיטן אייזן אַ פּרעס.
אוי איז דאָס אַ חזן !
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַוונט !

II

רופט זיך אָפּ׳עט דאָס קאַוואַלטשיקל,
רופט זיך אָפּ׳עט דאָס קאַוואַלטשיקל :
אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַוונט, האָט ער געדאַוונט !
אַזוי ווי מען גיט מיטן האַמער אַ זעץ
און מיט די קלעשטשעס אַ קוועטש,
אוי איז דאָס אַ חזן !
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַוונט !

III

רופט זיך אָפּ׳עט דאָס בעל־עגלהטשיקל,

רופט זיך אָפּ'עט דאָס בעל־עגלהטשיקל:
אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַווענט, האָט ער געדאַווענט!
אַזוי ווי מען גיט מיט די לייצעס אַ צי!
און מיטן בייטשל אַ כוואַשטש, וויאָ!
אוי איז דאָס אַ חזן,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַווענט!

הוספה ד׳

ווענן דער יִדישער עקאָנאָמישער לאַגע אין מזרח־אייראָפּע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שפּריכוואָרט ״דער שענקער לעבט פון דעם אויבערשטן״:

1) י״ח בילעצקי, דריַי לעגענדאַרע געשטאַלטן אין דער יִדישער ליטעראַטור, ז׳ 111.

איינמאָל האָט דער בעל־שם־טוב פאַר דעם עמוד געדאַוונט און אין מיטן דאַוונען האָט ער פּלוצלינג מפסיק געווען און האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער גאַס, וואָס האָט זיך ניט וויַיט פון שול געפונען, און האָט דאָרטן געטראָפן אַ גוי, וואָס האָט געהאַט האָלץ צו פאַרקויפן. האָט דער בעל־שם־טוב ביַי אים אַ פור האָלץ געקויפט און דער גוי האָט אים נאָכגעפירט דאָס האָלץ אין בית־מדרש אַריַין. דער בעל־שם האָט געהייסן אים באַצאָלן פאַרן האָלץ און אויך דערפאַר וואָס ער האָט עס צום בית־מדרש געבראַכט. דערצו נאָך האָט ער געהייסן אים אויך אַ גוטן טרונק בראָנפן געבן. דער גוי איז איבערראַשט געווען פון אַזאַ פיַינער באַהאַנדלונג און האָט זיך אָנגערופן: — געבענטשט זאָל דער יִדישער גאָט זיַין, וואָס ער פאַרמאָגט אַזאַ הייליק פאָלק. ווען עס זאָל ביַי מיר די פור האָלץ איינער פון אונדזערע געווען קויפן וואָלט איך פאַר איר ניט געווען געקריגן אַזוי פיל.

נאָכדעם האָט דער בעל־שם־טוב דעם גאַנצן ענין אַזוי דערקלערט: בשעתן דאַוונען האָט ער פון אויבן אַ קטרוג אויף אחינו בני ישראל דערזען, אויף די וואָס וואוינען אין די דערפער, דערפאַר, וואָס טייל פון זיי נאַרן אָפּ די פויערן אין די חשבונות וואָס זיי האָבן מיט זיי. האָט ער געדאַרפט פאַרשטאָפּן דאָס מויל פון מקטרג דערמיט וואָס ער האָט געבראַכט דעם ערל זיַין ליבן נאָמען צו בענטשן און דאָס פאָלק ישראל צו לויבן . . .

2) ס׳ שבחי הבעש״ט, ערוך ומסודר בצירוף מבוא והערות ע״י ש. אַ. הורודצקי, ז׳ קעט.

קיצור אין ייִדיש. דער "מחבר" (דער בעש"ט) האָט געזען אין חלום: ער איז אַרײַנגעקומען אין גן־עדן, אין היכל פון בית־דין. דאָרט האָט ער געזען ווי ס'איז אַרײַנגעקומען אַ הונט צום בי"ד און האָט מלשין געווען אויף אַ דאָרפס־ייִד אַז ער האָט יאָרנלאַנג באַרויבט די גויִם. דער בי"ד האָט ניט געוואָלט אים אויסהערן און האָט אים אַרויסגעטריבן, אָבער דער הונט האָט עקשנדיק זיך אַרײַנגעריסן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אין היכל — און דאָס בית־דין האָט אים בײַשט געוואָלט אויסהערן. דאַמאָלס איז געקומען אַ באַפעל פון אויבן אים אויסצוהערן. און דאָס בי"ד האָט געפּסקנט, אַז דער פּריץ זאָל בײַם ייִד צונעמען זײַן פאַרמעגן, און אים מיט זײַן משפּחה אײַנזעצן אין תפיסה, אָדער איינער פון דער משפּחה זאָל זיך שמדן. ווען דער בעש"ט האָט זיך אויפגעוועקט, האָט ער באַלד געהייסן איינשפּאַנען פערד און וואָגן און האָט אָנגעהויבן אַרומפאָרן צו זאַמלען געלט פאַר פּדיון־שבויים און האָט דעם ייִד אויסגעלייזט.

ביבליאָגראַפיע

בערנשטיין, איגנאַץ (יצחק), יידישע שפּריכווערטער און רעדענסאַרטן, וואַרשע,1908.

איילי, מאיר, פועלים ואומנים — מלאכתם ומעמדם בספרות חז״ל, הוצאת ״מסדה״, תל־אביב, 1987.

אילון־ברניק, ח. ב., היה היה מעשה, הוצאת ״פולקלור״, תל־אביב, תש״ו.

אינהורן, שמעון, משלי עם ביידיש, הוצאת ״דביר״, תל־אביב, תשי״ט.

בילעצקי, י. ח., דרײַ לעגענדאַרע געשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור, ״ישראל־בוך״, תל־אביב, תשמ״ט 1988.

בריברם, גרשון, סיפורי עם יהודיים מהונגריה, ערך והוסיף הערות אוטו שניצלר, הוצאת המוסיאון לאתנולוגיה ולפולקלור, חיפה, 1965.

גלבר, נתן מיכאל, ערך ״גליציה״, האנציקלופדיה העברית, כרך י׳, עמ׳ 883 (טבלה).

— — — די יידן פראַגע אין קאָנגרעס־פּוילן אין די יאָרן 1815—1830, אַרויסגעגעבן: יידישער היסט׳ אינסטיטוט בײַם צ. ק. פון די יידן אין פּוילן, באַנד 1, העפט 3־4, 1948, ז״ז 80־86.

דובנאָוו, שמעון, געשיכטע פון די יידן אין אייראָפּע, באַנד 7, ז״ז 78־79.

— — דברי ימי עם עולם, כרך י׳, עמ׳ 51 ואילך.

דוידזון, ישראל, אוצר המשלים והפתגמים, הוצאת מוסד הרב קוק, ירושלים, תשי״ז.

דרויאַנוב, א., ספר הבדיחה והחידוד, כרך א׳, תל־אביב, 1951, הקדמה. ״העתיד״, גשרים, מגזין גרמני בעברית, מס׳ 90, 1988, עמ׳ 39.

וויניג, נפתלי, געשיכטע און פּראָבלעמען פון דער יידישער פּאַרעמיאָלאָגיע, ייִוואָ בלעטער, באַנד 8 (1935), ז״ז 365־370.

וולטש, פליכס, ערך: הומור, האנציקלופדיה העברית, כרך י״ג, עמ׳ 776־783.

זמורה, ישראל, חכמת העבר לתועלת ההוה, ״דבר״, 1962, מס׳ 11043.

טברסקי, יוחנן, ספרות העולם, לקסיקון, כרך ב׳, ערך ״הומור״, עמ׳ 115־116.
טור־סיני, נפתלי־הרץ, משלי שלמה, ״יבנה״, תל־אביב, תשכ״ג, תל־אביב, תש״ז.
כהן, ישראל, זה לעומת זה, אוצר פתגמים מקבילים, הוצ׳ ״דביר״, תל־אביב, תשי״ד.
לעשצינסקי, יעקב, האנציקלופדיה העברית, כרך ג׳, ערך ״אירופה״, הנושא ״האוכלוסיה היהודית באירופה מתחילת המאה ה־19״ סקירה דמוגראפית, עמ׳ 193, טבלה 1.
— — וואוהין גייען מיר ?, ניו־יאָרק, 1944.
מאַהלער, ר., ״צי זענען ייִדן אַלעמאָל געווען אַ האַנדלס־פאָלק״? ייִוואָ־בלעטער, באַנד 7 (1934), ז״ז 365 א״וו.
— — ״ווען און ווי אַזוי זענען ייִדן געוואָרן אַ האַנדלס־פאָלק״ ? ייִוואָ־בלעטער, באַנד 8, ז״ז 28 א״וו.
נוי, דב, ״גלגולה של בדיחה, ממשל בעל־חיים לבדיחה עממית״, מחניים ע״ט (אדר תשכ״ג), עמ׳ 50־61 (כל דאלים גבר).
— — ״שלח לחמך על פני המים״, מחניים צ״ט (ניסן תשכ״ה), עמ׳ 164־176.
— — ״מלאכה תציל ממות: הטיפוס הסיפורי ארנה־תומפסון 888 א׳ בעדות ישראל״, ספר זאבי (בעריכת יצחק זיגלמאן), חיפה 1966, עמ׳ 138־153.
— — ״דאָס ייִדישע וויגליד״, ייִדישקייט, לאָנדאָן, 1980, ז״ז 30־34.
— — The Jewish Versions of the “Animal Languages” Folktale (AT 670) — A Typological Structural Study, Scripta Hierosolymitana 22 (1971), pp. 171-208.
— — “Folklore”, Encyclopaedia Judaica, Jerusalem 1972, Vol. 6, pp. 1374-1410.
סדן, דב, יריד השעשועים, הוצאת ״מסדה״, רמת־גן—ירושלים, 1964, הקדמה.
— — ״מעשה גנבה״, ״אמר״, 23.9.55.
סידר, פישל, סיפורי עם מבוריסלאוו, הוצאת המוסיאון לאתנולוגיה ולפולקלור, חיפה, 1968.
פיראַזשניקאָוו, ישראל, ייִדישע שפּריכווערטער, ווילנע, תרס״ח.

קיפּניס, מ., הונדערט פֿאָלקס־לידער, בוענאָס איירעס, 1949.
קרוק, הערמאַן, טאָגבוך פֿון ווילנער געטאָ, ניו־יאָרק, 1961.
שבחי הבעש"ט, ערוך ומסודר בצירוף מבוא והערות מאת ש. א. הורודצקי, "דביר", תל־אביב תש"ז.

אינהאַלט

הקדמה — דב נוי	5
אַרײַנפיר	21
גרופּע א׳ — אַרבעט און מלאכה	38
גרופּע ב׳ — שפּריכוועדטער וועגן מסחר און סוחרים	45
1. דער מסחר אין דאָרף	45
2. דער דאָרפס־ייִד און זײַן סביבה	52
3. שטאָטישער האַנדל	57
גרופּע ג׳ — שפּריכוועדטער וועגן כּלי־קודש, דערציאונג, עסקנות און אַנדערע פּרנסות	64
דער חזן אינעם שפּריכוואָרט	68
דער שדכן אין אונדזערע שפּריכווערטער	70
דערציאונג : דער מלמד, זײַן באַהעלפער, די תּלמידים	71
די קהילה עסקנים	72
פאַרטיילונג פון די שפּריכווערטער לויט זייער באַטייט	74
הומאָר — אַ ייִדישע אייגנשאַפט	77
אַלגעמיינע מסקנות	82
סיכום־טאַבעלע	85
באַמערקונגען	86
הוספה א׳ : רשימה פון די שטיכווערטער	91
1. אַרבעט און מלאכה	91
2. מסחר (אין דאָרף און שטאָט)	92
3. כּלי־קודש, חינוך, עסקנות, פאַרשיידנס	93
הוספה ב׳ : מאיר איילי — פּועלים ואמנים	95
הוספה ג׳ : ״איז געקומען אַ חזן אין אַ קליין שטעטל״	96
הוספה ד׳ : די ייִדישע עקאָנאָמישע לאַגע אין מזרח־אייראָפּע	98
ביבליאָגראַפיע	100